THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

CANADA

A
JEWISH
ADIAN
LY
ULATED
OVER
NADA
ABROAD.

א נאציאנאל־איבער־
שע צייטונג פאר
אידישע און קענע־
דער ענינים בפרט
און מער אלוועלט־
ליכע ענינים בכלל,
און וועלכע איז אנ־
ערקענט איבעראל
אלס אזעלכע. —

VOLUME III. No. 1068 Toronto Monday September 11 1916 י"ג אלול פרשה תבא תרע"ו מאנטאג דער 11־טער סעפ. 1916. PRICE: ONE CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

רומענער געווינען צוריק דאבריטש און פערלירען סיליסטרא

רומענער נעהמען נאך 5 דערפער אין טראנסילוועניא. רוסישע ארמיי קומט צו הילף די רומענער

גרויסער פייער פערניכטעט א ליגע שאקאלאד פאבריק

לאנדאן, סעפ., 11.

לויט בעריכטען, וועלכע זענען דא ערהאלטען געווארען פון רומעניען און פון בערלין איז צו זעהען אז אין איין טהייל האבען פאר די לעצטע עטליכע טעג די רומענער געהאט א זיעג און אינ'ם צווייטען טהייל האבען די דייטשען און בולגארען געהאט א זיעג.

די רומענער האבען נעמליך צוריקגענומען די שטאדט דאבריטש אין דער דאברודזשא פראווינץ, וועלכע געפינט זיך 50 מייל דרום פון בוקארעסט.

דאבריטש האבען די בולגארען פערנומען מיט עטליכע טעג צוריק, איידער די רוסען זענען געקומען צו הילף די רומענער אין דרום מזרח, און די רומענישע ארמיי איז אויף יענעם פראנט אויך ניט געווען גוט ארגאנאזירט. אבער דער פאקט אז די רומענער האבען די שטאדט יעצט צוריקגענומען ווייזט אז די רומענישע ארמיי האט זיך שוין פעראייניגט מיט דער רוסישער, און דאס די רוסען גיבען די רומענער גענוג הילף.

די דייטשע און בולגארישע ארמייען ווידער האבען פערנומען די רומענישע שטאדט סיליסטרא וועלכע געפינט זיך אויך אין יענעם נעגענד 60 מייל דרום מזרח פון בוקארעסט.

אין טראנסילוועניא מעלדעט אויך דער אפיציעלער רומענישער בעריכט אז די רומענישע ארמייען האבען געזיעגט, און שפארען זיך מיט דאפעלטע כוחות אלץ ווייטער.

דער בעריכט מעלדעט אז די רומענער האבען דארט פערנומען אלא־טעפליצא דרום פון דארנא וואטרא, דאס הייסט 20 מייל מערב פונ'ם רומענישען גרענעץ.

די רומענער האבען אויך פערנומען די פאלגענדע דערפער אין טראנסילווע־ניע: סאן מילא, דעלנא, גירהעגורגען, און סעגמיאלאן.

די עסטרייכער זאגט ווייטער דער בעריכט האבען פרובירט אנצופאנגען אן אפענסיווע 15 מייל צפון פון ארסאווא. זיי זענען אבער צוריקגעשטויסען געווארען מיט גרויסע פערלוסטען.

אין דרום בוקאווינא מעלדעט ווייטער א בעריכט קומען פאר שלאכטען צווישען רומענישע און דייטשע ארמייען ארום דארנא־וואטרא, דאס איז ארום רומענישען און אונגארישען גרענעץ.

נאך וואס געהן אנדערשוואו?
ווען אייערע
לשנה
טובה
קארטען
ווערען געדרוקט אין
אידישען זשורנאל
צו אייער בעסטער צופרידענהייט
קומט און איבערציינט אייך
קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט
מיר נעהמען אן ארדערס
פון 50 סענט און העכער

וועבס שאקאלאד פאבריק פערניכטעט פון פייער

פייער פערורזאכט 100.000 דאלאר שאדען. פינף מענשען פערוואונדעט.

פינף מענשען זענען פערוואונדעט געווארען ביי א גרויסען פייער וועלכער האט אויסגעבראכען נעכטען 10 א זייגער ביינאכט אין וועבס שאקאלאד פאבריק אין ביוקענען און הייטער סטריטס.

די גאנצע פיער שטאקיגע געביידע איז פונ'ם פייער פערניכטעט געווארען. דער שאדען בעטרעפט איבער 100.000 דאלאר.

פון וואנען דער פייער האט זיך אנגעפאנגען איז אונבעקאנט, ענטדעקט אבער האט דעם פייער מר. שערמאן וועלכער איז דארט א נאכט וואטשמאן. ווען ער האט בעמערקט דעם פייער האט ער ניט גערופען גלייך די פייער לייט, נאר ער איז געלאפען אין דער צווייטער געביידע אין וועלכער עס געפינען זיך די בעקערייי, צו רופען הילף, אן אלארם איז אבער גלייך געגעבען געווארען און די פייער לייטע זענען באלד געווען אויפ'ן פלאץ. דער רויך איז פונ'ם פייער געווען אזא שטארקער, אז עס האט פיעל געשטערט די פייער לייטע אין זייער ארבייט, און דריי פייער לייטע זענען פערשטיקט געווארען פונ'ם רויך און האבען געמוזט צוגענומען ווערען אין האספיטאל.

אין צייט פונ'ם פייער האט אויך עקספלאדירט א קליינער „טעהנק" מיט אמאניע און דאס האט פיעל געשטערט די פייער לייטע אין זייער ארבייט, וויל א שארפער גערוך האט זיך פערשפרייט און עס איז אונמעגליך געווען צו צוגעהן נאהענט צו דער געביידע.

דורך דער העלדישער ארבייט פון די פייער לייטע איז געלונגען צו פערהיטען די אנדערע געביידעס פונ'ם פייער. די דריי שטאקיגע געביידע אין וועלכער עס געפינט זיך די וועבס בעקערייי איז פונ'ם פייער ניט אנגעריהרט געווארען.

די פיער שטאקיגע געביידע וועלכע איז אבגעברענט געווארען איז געבויט געווארען מיט 25 יאהר צוריק, זי איז נאך געווען א גאנץ שטארקע.

אלץ וואס דער פייער האט פערניכטעט ווערט געדעקט פון אינשורענס.

די געביידע צוזאמען מיט דער מאשינעריע זענען פערזיכערט אין 130.000 דאלאר. פערשטעהט זיך אז די בעלי בתים וועלען ניט ליידען. עס וועלען אבער ליידען ארום 150 ארבייטער מענער און פרויען וועלכע זענען געווען בעשעפטיגט אין דער פאבריק.

די פערוואונדעטע זענען דזשיימס ראבערטסאן, איין אונבעקאנטער מאן, און דריי פייער לייטע.

רומענער באמבארדירען טורטאקאי

אן אפיציעלער רומענישער בעריכט וועלכער איז שפעטער פערעפענטליכט געווארען לויטעט זיך ווי פאלגט:

אויפ'ן צפון שלאכטפעלד קומען פאר גרויסע שלאכטען און דער שונא ציהט זיך צוריק ווייטער צו מערב.

אונזערע באטארעען האבען באמבארדירט ווידין, לאמפאלאן, קא און ראהאווא, וועלכע זענען יעצט איינגעוויקעלט אין פלאמען.

אונזערע לופט שיפען האבען אויך ערפאלגרייך באמבארדירט טורטאקאי, וועלכע די בולגארען האבען ניט לאנג פערנומען.

דער אפיציעלער דייטשער בעריכט וועלכער איז נעכטען פערעפענטליכט געווארען אין בערלין מעלדעט, אז די דייטשע בולגארישע טרופען האבען פערנומען סיליסטרא 60 מייל דרום מזרח פון בוקארעסט.

אינ'ם זעלבען בעריכט אין וועלכען די דייטשען מעלדען אז זיי האבען פערנומען סיליסטרא מעלדען זיי אויך אז די רוסען און די רומענער האבען דארט געהאט גרויסע פערלוסטען.

דער בולגארישער בעריכט וועלכער איז פערעפענטליכט געווארען שבת מעלדעט ניט וועגען דעם וואס זיי האבען גענומען סיליסטרא.

דער בולגארישער בעריכט מעלדעט נאר, אז א רומענישע ארמיי האט געוואלט העלפען די פערטהיידיגער פון טורטאקאי, אבער די בולגארען האבען געצוואונגען די ארמיי זיך צוריקצוציהען צו סיליסטרא.

ענגלענדער אוואנסירען אויף א פראנט פון פיער מייל

לאנדאן, סעפ. 10.

די ענגלענדער האבען נעכטען געהאט איינעם פון די גרעסטע זיגע אויפ'ן סאם פראנט צייט זיי האבען אנגעפאנגען זייער אפענסיווע אויף יענעם פראנט.

אן אפיציעלער בעריכט מעלדעט אז זיי האבען פערנומען דייטשע פאזיציעס אויף א פראנט פון 6000 יארד צווישען גניטשי און ליעש וואלד.

די ענגלענדער האבען דעם דארף גינטשי פערנומען צוזאמען מיט פיעלע דייטשע געפאנגענע און פיעל אמוניציע.

דער בעריכט מעלדעט, אז די דייטשען האבען דארטען געכאפט א גרויסע מפלה, און האבען איבערגעלאזען טויזענג דער טויטע אויפ'ן שלאכטפעלד.

—):(—

בולגארען פערלאזען ווארנא

וויכטיגער פארט אויפ'ן שווארצען ים

—):(—

לאנדאן, סעפ. 10.

בעריכטען וועלכע זענען דא ערהאלטען געווארען פון אדעס, מעלדען אז די בולגארען האבען אנגעפאנגען אפצוליידינען דעם פארט ווארנא וועלכער איז זייער הויפט פארט אויפ'ן שווארצען ים.

בעריכטען זענען אויך ערהאלטען געווארען פון ציריך, אז צוויי רוסישע קריעגס שיפען און איין קרייצער האבען באמבארדירט קאוואלא.

ווארום דער הויפט פונ'ם דייטשען גענעראל שטאב איז ארונטערגעזעצט געווארען פון זיין אמט

ער האט געוואלט פערלאזען די באלקאנען.

—):(—

לאנדאן סעפ., 10.

בעריכטען וועלכע זענען דא ערהאלטען געווארען פון שווייצאריען מעלדען אז קייזער ווילהעלם האט ארונטערגעזעצט פאן־פאלקאנהיינען פונ'ם אמט אלס הויפט פונ'ם דייטשען גענעראל שטאב, דערפאר ווייל ער האט געראטהען אז דייטשלאנד זאל אויפגעבען דעם קריעג אויף די באלקאנען און אויך פערקירצערען די דייטשע שלאכט ליניען אין פראנקרייך, דאס הייסט מאכען זיי קלענער און בעפרייען די פערנומענע פראנצויזישע טעריטאריע.

אלס גרונד דערצו האט ער אנגעגעבען אז בולגאריען וועט זיכער צוקלאפט ווערען פון די עלליים, און די דייטשען וועלען ניט קענען אויסהאלטען די אפענסיווע פון די עלליים אויף אלע פראנטען.

קייזער ווילהעלם און פאן הינדענבורג זענען מיט איהם ניט געווען איינשטימיג און דערפאר איז ער ארונטערגעזעצט געווארען פון זיין אמט, און אזוי ווי פאן הינדענבורג האט געהאלטען מיט'ן קייזער איז ער בעשטימט געווארען פאר'ן הויפט פון גענעראל שטאב.

עקס־מעיאר גירי א מיליטערישער מאיאר

פארנעהמט א וויכטיגע שטעלע.

שבת איז צוריקגעקומען א בעוואוסטער טאראנטאר סיטיזען פון ענגלאנד, און ער האט געבראכט די נייעס דאס סער סעם יוהז האט געהאט א קאנפערענץ מיט די פערשיעדענע בעאמטע פון דער קענעדער ארמיי, און ער האט בעשלאסען צו מאכען א נייעם דעפארטמענט, וועלכער זאל האבען די אויפגאבע אויפצופאסען אויף די שפייזען און אויף דעם טראנספארטירען פון דער ארמיי. אויך וועט דער דעפארטמענט דארפען אויסקלייבען די אפיצערען וועלכע דארפען געהען צום פראנט, און איבערנעהמען אלע נויטיגע אינסטרוקציעס.

גענעראל ריעד איז בעשטימט געווארען פון סער סעם יוהז צו זיין דער הויפט פון דעם דאזיגען דעפארטמענט און גיערי וועלכער איז געווען א קאפיטאן איז דערהויבען געווארען צו דער שטעלע פון א מאיאר און וועט זיין דער סעקרעטער פון דעם דאזיגען דעפארטמענט.

ווילען אויסבייטען דייטש אויף רוסיש

אין די הויכע היי־סקוהל קרייזען טראגען זיך ארום קלאנגען וועגען פלענער אויסצובייטען די דייטשע שפראך אויף רוסיש.

דער ערשטער אויפצוהויבען די פראגע איז געווען דר. האנטער, א טראסטי פון דער באארד אף עדיוקיישאן.

די טענות וועגען דער וויכטיגקייט פון מאכען דעם בייט זענען די: אזוי ווי נאך דער דער מלחמה וועט זיך אנפאנגען א גרויסער האנדעל פערקעהר צווישען קענעדע מיט רוסלאנד, דערפאר איז נויטיג אז קענעדער יונגע לייט וועלכע לערנען די קאמערציעלע וויסענשאפט זאלען קענען רוסיש.

דערוייל זוכט מען „אויטאריטעטען" וועלכע זאלען געבען די הסכמה דערצו. איינע אזא „אויטאריטעט" איז געווען מיסעס האמבורג די פרוי פון דעם ניט לאנג פערשטארבענעם משמוד האמבורג פון דער האמבורג קאנסערוואטארי אף מוזיק. זי האט געזאגט „עס וואלט געווען א זעלטענע אידעע צו מאכען דעם בייט'. כאטש זי האט צוגעגעבען אז קענעדער יונגע לייט וועלען קיין האניג ניט לעקען איידער זיי וועלען זיך אויסלערנען די שפראך, אין איין זאך איז זי אבער זיכער, אז דייטש מוז אויסגעשלאסען ווערען אונטער אלע אומשטענדען פון דעם קאריקולאם פון די הויכע היי־סקוהלס.

זעקס מיליאן דאלאר פאר די מלחמה קרבנות

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

ניו יארק, סעפ. 10.

די דזשואיש דיסטריביושאן קאמיטע האט דא פערעפענטליכט איהר בעריכט וועלכער ווייזט, אז די אידען פון די פעראייניגטע שטאאטען האבען ביז היינט צו טאג געזאמעלט צוזאמען 5.777.093 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

אין דער דיסטריביושאן קאמיטע געהען אריין אלע דריי הילפס ארגאניזאציאנען וועלכע עקזיסטירען אין די פעראייניגטע שטאאטען נעמליך, די אמעריקאן דזשואיש קאמיטע, די פאלקס הילף־קאנפערענץ און די סענטראל רעליעף און די דיסטריביושאן בעשעפטיגט זיך נאר מיט צוטהיילען דאס געלד, און פאלגליך איז איהר בעריכט פון דער סומע וועלכע איז געזאמעלט געווארען איבער'ן גאנצען לאנד.

פאטער דערהרגע'עט א שכור'ען זוהן

אלבערט סינקלער איז אנגעקלאגט געווארען אויף דער קלאגע פון מאכען א געפעהרליכען אנגריעף אויף זיין זוהן בערט סינקלער א סאלדאט.

בערט איז אהיים געקומען א שכור'ער און דער פאטער איז אריין אין כעס און האט איהם ארונטער געווארפען פון די טרעפ. בערט האט זיך צושפאלטען דעם קאפ פאלענדיג און די דאקטוירים גיבען קליינע האפנונגען אויף זיין לעבען.

דער פאטער איז פערהאלטען געווארען ביז צום 15־טען פאר א ווייטערדיגען פארהער.

רעגירונגס הכנסה פארגרעסערט

אטאוא, סעפ., 10.

די ערשטע פינף חדשים פון דעם איצטיגען יאהר ווייזען א ריזיגען צוואוואוקס אין די רעגירונגס הכנסות.

דער הויפט צוואוואוקס איז געווען פון דער איינאהמע פון קאסטאמס אבצאהל, אבער די איינאהמע איז פארגרעסערט געווארען אין אלע אנדערע ברענטשעס פון וואנעט די רעגירונג ציהט איהרע הכנסות. בלויז די פאסט אפיס הכנסה איז בעדייטענד פערקלענערט געווארען. דער פארלייפיגער צוואוואוקס טרעפט אן א"ב צוואנציג מיליאן דאלאר.

א סכסוך צווישען אמעריקא און ענגלאנד צוליעב בריעף

די ערקלעהרונג פון ללאיד דזשארדזש.

וואשינגטאן, סעפ. 10.

עס איז זעהר מעגליך אז אן ערנסטער סכסוך זאל אויסברעכען צווישען די פעראייניגטע שטאאטען און ענגלאנד צוליעב דעם וואס אמעריקאנער בריעף ווערען געעפענט און דורכגעקוקט פון דער ענגלישער צענזור.

מען האט זיך אין אמעריקא דערוואוסט, אז דער ענגלישער קריעגס מיניסטער ללאיד דזשארדזש האט אין פארלאמענט געמאכט די פאלגענדע ערקלעהרונג:

אז דער ענגלישער צענזור נוצט אויס די ידיעות וועלכע ער בעקומט דורך לעזען אמעריקאנער ביזנעס בריעף און גיט ארויס די סודות פון די אמעריקאנער סוחרים צו זייערע קאנקורענטען אין ענגלאנד.

דער ענגלישער צענזור האט אבער ניט ערלויבט אז דיעזע נייעס זאל געקייבעלט ווערען נאך אמעריקא. די זאך איז בעקאנט געווארען דורך די אפיציעלע בעריכטען פון פארלאמענט וואס זיינען אנגעקומען דורך פאסט. עס שטעלט זיך יעצט ארויס, אז די קלאגע וואס אמעריקאנער סוחרים האבען מעהרערע מאל געמאכט צום סטייט דעפארטמענט אז זיי פערלירען ארדערס דורך דעם וואס ענגלישע קאנקורענטען דערוויסען זיך זייערע סודות דורך זייערע בריעף איז גאנץ גוט בעגרינדעט.

סעקרעטערי לאסינג האט צוגעגעבען אז די ערקלעהרונג פון ללאיד דזשארדזש שטעלט די פראגע פון עפענען אמעריקאנער בריעף אין א גאנץ אנדער ליכט. ער האט געזאגט אז דער סטייט דעפארטמענט האט די זאך אין זינען און בעטראכט די נויטיגע מיטלען וואס זאלען דערצו אנגעווענדעט ווערען, און עס קען זעהר זיין, אז צוליעב דעם זאל אויסברעכען א סכסוך צווישען אמעריקא און ענגלאנד.

טריידס און לייבאר קאנסול פאדערט אן אונטערזוכונג וועגען יקרות

בעשולדיגט די פרעסע אין ניט ארויסזאגען דעם אמת.

ביים לעצטען מיטינג פון טרייד און לייבאר קאונסיל האט די פראגע פון די הויכע פרייזען אויף לעבענסמיטעל ארויס גערופען זעהר א הייסע און אינטערעסאנטע דעבאטע.

אנגעפאנגען האט זיך די דעבאטע וועגען דעם וואס די האנדלונג פון דער באארד אף קאנטראל, אין דער פראגע פון שטאדטישע קויהלען ארדערס, האט גענומען אן אנדער ווענדונג.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען אין „זשורנאל" האט די באארד אף קאנטראל געהאלטען אין בעטראכטען א פלאן אז די שטאדט זאל קויפען ארום צוויי הונדערט טויזענד טאן קויהלען און דאס פערקויפען צו ארימעלייט פאר קאסט פרייז. אבער אין דער לעצטער צייט האט די באארד אף קאנטראל געביטען איהר טאן, און האט ארויסגעוויזען ניט קיין גרויסען חשק אויסצופיהרען דעם דאזיגען פלאן.

די פערשיעדענע דיסקוטאנטען האבען אבער זיך ניט רוקא בעגרענעצט אויף דער פראגע פון קויהלען נאר אויך גערעדט וועגען דעם וואס מען קען טהון אין בעצוג דעם אלגעמיינעם יקרות וואס הערשט איצט אין קענעדע.

ס'איז אויך אנגעוויזען געווארען אויף דעם וואס די פראגע פון הויכע פרייזען איז א פראגע פונ'ם גאנצען לאנד, און דערפאר מוז די פעדעראלע רעגירונג זעהען טהון עטוואס וועגען דעם און אלס א רעזולטאט פון דער דאזיגער דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען א בעשלוס אויסצוקלייבען א קאמיסיע וועלכע זאל אויסארבייטען א בריעף צו דער באארד אף קאנטראל, און אויב זיי וועלען געפינען פאר פאסיג אויך צו דער פעדעראלער רעגירונג און זיי אויפפאדערען צו טהון עטוואס אין דער דאזיגער אנגעלעגענהייט. אין דער קאמיסיע זענען אריין: בלעק, קלאקלינג, פאלין, ט. א. סטיווענסאן, און וואוד.

דעלעגאט בלעק האט אין זיין רעדע שטארק קריטיקירט די פרעסע און האט בעהויפטעט אז די פרעסע וואלט געקענט א סך העלפען ווען זי וואלט ארויסגעזאגט דעם אמת צום עולם.

דער קאונסיל האט אויך אויסגעדריקט א גרויסע אונצופריעדענהייט מיט דעם ענטפער וואס פרעמיער בארדען האט געגעבען אויף דעם פערלאנג פון קאונסיל אויסצוקלייבען א קאמיטע וועלכע זאל קאנטראלירען די פרייזען אויף לעבענסמיטעל. דער פרעמיער האט געענטפערט דאס ער וועט בעטראכטען דעם פלאן אויף אויסצוקלייבען אן אונטערזוכונגס קאמיטע וועגען די הויכע פרייזען. די דעלעגאטען האבען אנגעוויזען אויף דעם, אז אונטערזוכען און קאנטראלירען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען, און אזוי איז בעשלאסען געווארען צו שרייבען, צום פרעמיער און איהם אויפמערקזאם מאכען אויפ'ן חילוק.

די „ברעמען" איז פערלוירען געגאנגען

אזוי זאגען אמעריקאנער פלאט עקספערטען.

וואשינגטאן, סעפ. 10.

אמעריקאנער פלאט־עקספערטען זענען מיט דער מיינונג אז די צווייטע דייטשע האנדעלס סובמארין די „ברעמען" איז ערגעץ אויפ'ן וועג פערלוירען געגאנגען.

די „ברעמען" איז מיט עטליכע וואכען צוריק ארויס פון א דייטשען האפען און מיט 10 טעג צוריק איז בעריכטעט געווארען אז די „ברעמען" איז דורכגעלאפען פערביי די ענגלישע פאטראל שיפען, דאס הייסט זי האט זיך דורכגעריסען אונבעמערקטערהייט דורך די ענגלישע פאטראלען, אבער דאס וואס זי האט נאך פון זיך ניט געלאזט הערען זייט דאן ווערט אנגענומען אלס א סמן אז זי איז ערגעץ אין ים פערלוירען געגאנגען.

די אמעריקאנער עקספערטען גיבען אן א אורזאכע פאר איהר פערלוירען געהן דאס וואס די וואסערען פון ים זענען אין דער צייט פון יאהר פיעל שטורמדיגער ווי זומער צייט. און אזוי ווי די „ברעמען" איז פיעל שוואכער איידער די „דייטשלאנד" איז געווען האט זי ניט געקענט אויסהאלטען דעם שטארקען וואסער דרוק.

האמילטאנער דראגיסטען ווילען ניט די ליקער ביזנעס

האמילטאן, סעפ. 10.

די האמילטאנער דראגיסטען האבען אויף א ספעציעלער פערזאמלונג נעכטען אווענד בעשלאסען אויפצופאדערען די פראווינציעלע רעגירונג זי זאל גרינדען דיספענסעריס אין די ביזנעס געגענדען פון שטאדט וואו עס זאל פערקויפט ווערען ליקער נאכ'ן 16־טען סעפטעמבער ווען דער פראהיבישאן געזעץ טרעטט אריין אין קראפט.

זיי, די דראגיסטען אליין הייסט עס ווילען קיין ליקער ניט האלטען.

קומענדיגע וואך וועלען אלע דראגיסטען זיך פערזאמלען און בעטראכטען א פלאן דורך וועלכען צו פאראינטערעסירען אלע דראגיסטען פון טאראנטא און אטאווא, און צוזאמען שיקען א פעטיציע צו דער רעגירונג, אז די לעצטע זאל ארונטערנעהמען די לאסט פון די דראגיסטען צו פערקויפען ליקער.

שיקט געלד
— דורך —
מר. הערי וויינבערג
פרעזידענט פון „אידישען זשורנאל"
צו אייערע קרובים
אין יוראפ
ראיעלע, אנשטענדיגע
און פריינדליכע בע־
האנדלונג איז מיין מאטא
איך שיק געלד נאך אלע טהיילען
פון דער וועלט
און אויב דאס געלד ערגרייכט ניט דעם פלאץ בעקומט איהר די גאנצע פולע סומע געלד. איך מאך קיינע חשבונות אום אייך זאל נאר נים בלייבען!
שיקט געלד פון פלאץ ווי אלע שיקען
קאנטרי אידען קענען אויך געלד שיקען דורך מר. וויינבערג. — די געלד מוז צוגעשיקט ווערען דורך א מאני ארדער און די אדרעס געשריבען אין רוסיש.
אפפיס:
251־253 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן אדעלייד 8967

ליבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־מ־ד.

(255־טע פארזעצונג)

פריעדריך האט פעסט דעם פעטערס האנד געדריקט.

— ווער ווייס נאך אזוי פיעל ווי איך, פראנץ, וואס עס הייסט אונשולדיג צו ליידען — קיינער ווייס ניט אזוי ווי איך די יסורים וואס מען האט איבערצוטראגען, ווי מען ווערט פערצווייפעלט, ווען מען געפינט זיך אליין אין דער צעלע און מען רעכנעט נאך איבער די שלעכטסקייט און אונגערעכטיגקייט מיט וועלכע מען פערפאלגט אונז!

— נור לאמיר יעצט דערפון ניט רעדען, פראנץ! דא האב איך פון דאקטאר בעהויער איינגע פאפירען בעקומען, וועלכע איך וועל אין דער היים דורכזעהען — מארגען אזוי שנעל ווי איך וועל מיט יענע סוביעקטען רעדען, וועל איך ווידער צו דיר קומען און וועל דיר דעם רעזולטאט מיטטהיילען!

ער האט זיך פון דעם געפאנגענעם פעראבשיידעט און האט די צעלע פערלאזען.

ווערענד ער איז פון געפענגניס איבער'ן הויף געגאנגען און דאן אויפ'ן גאס ארויסגעקומען, האט ער צוויי מענער נאהענט פון טהויער שטעהענדיג בעמערקט, אהנע אויף זיי צו אכטען איז ער ווייטער זיין וועג געגאנגען און האט געטראכט וואס ער האט דעם מארגענדיגען טאג צו טהאן.

פלוצלינג האט ער זיך מיט א וואוטה געשריי א כאפ געטהאן — יעמאנד האט איהם אויפ'ן פוס אזא פעסטען טריט געטהאן, דאס איהם האט ביים הארצען פערקלעמט.

אז ער האט דעם קאפ אויפגעהויבען צו זעהן ווער עס האט דאס איהם געטהאן, האט ער צו זיין פערוואונדערונג די ביידע מענער, וועלכע ער האט פריהער געזעהן, בעמערקט און דער גרעסטער איז דאס געווען, וואס האט איהם אויפ'ן פוס געטראטען.

פריעדריך האט געמיינט, דאס דער מאן וועט זיך פאר זיין אונגעשיקטהייט אנטשולדיגען און איז געבליבען שטעהן.

די ביידע מענער זיינען אויך שטעהן געבליבען און זיך צוזאמען געערדט — עס האט פריעדריכ'ן זאגאר אויסגעזעהן ווי זיי בעטראכטען איהם מיט שפאטישע בליקען.

פיליכט האט פריעדריך א טעות געהאט, איהם האט זיך דאס נאר אזוי אויס געדוכט און אזוי האט ער זיך אומגעווענדעט און איז ווייטער געגאנגען.

אז ער איז איינינע גאסען אבגעגאנגען, האט ער הינטער זיך ריידענדיג געהערט און פלוצלינג האט ער א ציטער געטהאן, ווען ער האט דעם נאמען "טרענק" געהערט.

ווער זיינען די לייטע געווען, וועלכע זיינען הינטער איהם געגאנגען?

האבען זיי פון איהם גערעדט, אדער פון זיין פעטער?

אהנע זיך אומצוקוקען, איז ער ווייטער געגאנגען — די מענער זיינען איהם נאכגעגאנגען.

איז דאס בלויז א צופאל געווען? מיט איין מאל האבען זיי אנגעהויבען אין דער הויך צו ריידען און ער האט ווידער זיין נאמען געהערט.

— נאכגען יונגען זיי! האט איינער געזאגט, ביי זיי אין לאנד איז זיי שוין ווייניג, זיינען זיי אהער געקומען און מאכען דא דעם געגענד אונזיכער!

דער אנדערער האט געקוואלען פון פערגעניגען.

— איך בין דורכאויס מיט דער זעלבער מיינונג ווי דוא, און ווען איך וואלט געקענט וואלט איך דעם דייטשען טרענק פון לאנד ארויסגעטריבען!

פריעדריך האט יעדעס ווארט געהערט, ער איז יעצט איבערצייגט געווען, דאס די לייטע קענען איהם און זיי ריידען אבזיכטליך אזוי הויך, ער זאל זיי הערען און דאס בלוט איז איהם היים אין געזיכט געלאפען.

ווער זיינען די מענער געווען און וואס ווילען זיי מיט זייער ריידען אויפטהאן?

ער האט זיך געצוואונגען זיך ניט ארום צו קוקען און האט זיך אין א צווייטע גאס געגומען.

דיזען מאל האט ער זיך ניט צוגעהערט, און האט בעמערקט דאס די מענער געהען איהם דא אויך נאך.

יעצט האט ער זיך האסטיג אומגעווענדעט און האט גלייך ווידער די ביידע וועלכע ער האט ביי דעם געפענגניס געטראפען דערקענט.

אין דעם זעלבען אויגענבליק וואס ער האט זיך אומגעווענדעט, האט ער א דעגען שטאך אין דער לינקער ברוסט בעקומען — ריכטיג אויף דער שטעלע, וואו ער האט אונטער דעם ראק די פאפירען פון טרענקס פראצעס געטראגען.

א הייזעריגער וואוטה געשריי האט זיך פון זיין מויל ארויסגעריסען און ניט ווילענדיג האט ער די האנד צום הארצען צוגעפרעסט.

צום גליק איז דער שטאך אזוי געפעהרליך ניט געווען, די פאפירען פון פראנצ'ס פראצעס האט איהם דאס לעבען געראטעט.

זיינע געגנער האט ער גאר ניט געקענט, ער האט זיך גאר ניט געקענט דערמאנען, דאס ער האט זיי אמאל געזעהן.

דאס זיי זאלען, אהנע וועלכע אורזאכע איהם וועלען מארדען האט ער ניט געקענט גלויבען און אזוי איז איהם גאר איינס איבריג געבליבען צו דיינקען — דאס זיי האנדלען דא ניט פאר זיך אליין, נאר מיט דעם אויפטראג פון איין אנדערען.

וואס יעצט איז אבער געשעהן — האט ער ניט ערווארט! יענע האבען געוויס גערעכענט דאס זיי וועלען איהם מיט דעם שטאך טויטען, ווען זיי האבען אבער געזעהן, דאס זיי האבען פאלש גערעכענט און טרענק האט זיך צו פערטהיידיגען אנטקעגענגעשטעלט — האבען זיי זיך גלייך אומגעקעהרט און זיינען אזוי שנעל ווי זיי האבען געקענט אנטלאפען.

פריעדריך האט א ווילע געטראט. דאן אבער איז ער די ביידען נאכגעלאפען. יעצט האט זיך א ווילדע יאגד אנגעפאנגען.

טרענק האט זיי פון אויג ניט ארויס געלאזען, און מיט דעם בלויזען שווערד אין דער רעכטער האנד האט ער זיך נאך זיי געיאגט.

באלד רעכטס, באלד לינקס זיינען זיי געפלויגען — דורך שמאלע און ברייטע גאסען איז די יאגד געגאנגען און עס איז שווער געווען צו זאגען אויב די פליהענדע אדער דעם פערפאלגער וועט געלינגען די יאגד צו געווינען.

מיט איין מאל האט זיך איינער איים געגליטשט, און אין דיזען אויגענבליק איז א וואגען אנגעקומען און האט דעם וועג פערשטעלט, און איידער זיי האבען דעם וואגען אויסגעמיעדען, איז שוין צו שפעט געווען.

טרענק איז דערוויל געקומען צו פליהען און אין דיזען אויגענבליק, וואס יענע האבען ווייטער געוואלט לויפען האט זיך איינער ביים קארג געפאקט געפיהלט און א דראהענדע שטימע האט איהם גערופען:

— שטעה, ניכטסווירדיגער — יעצט זאלסט דו מיר פיר דעם שטאך בעצאהלען — יעצט וועט דיר, פרייסישער א סעניונג, דער פרייסישער טרענק דיר זאגען, ווי ער האנדעלט מיט אזעלכע העלדען ווי דו ביסט!

די מענעשען וואס זיינען דערביי געשטאנען האבען ניט געוואוסט פיר וועמען זיי זאלען דא האלטען, איינדעם איז די וואך אנגעקומען.

די מאסע מענשען זיינען צוריק געטרעטען און די סאלדאטען זיינען צו די ביידע מענער וואס זיינען פיינדליך איינע געגען די אנדערע געשטאנען צו געטרעטען.

איידער דער פיהרער פון דער וואך האט זיי נאך וועלכע פראגע געשטעלט, האט יענער געגומען שרייען, דאס ער איז פלוצלינג פון טרענקן איבערגעפאלען געווארען. די מענשען וואס זיינען דערביי געשטאנען, און האבען געזעהן ווי טרענק האט דיזען נאכגעיאגט, האבען זיינע ווערטער בעשטעטיגט אין אנדערע ווען יענער האט נאך דעם מאנטעל געעפענט און האט געציינגט, דאס ער איז אפיציער, האט דער וואכטמייסטער טרענקען קיין ווארט געלאזט אויסריידען.

אזוי איז פריעדריך פון די סאלדאטען אוועק געפיהרט געווארען, און אין א צעלע פארשפארט געווארען, ווערענד יענער ניעדריגער סוביעקט איז טריומפירענד אוועקגעלאזען געווארען.

דער אווענד און אויך די נאכט איז פערגאנגען, און קיינער האט זיך וועגען איהם ניט געקימערט.

טרענק האט זיך אין אזא גוואלדיגע איפערעגונג געפונען, דאס ער האט קיין מינוט ניט געקענט רוהען און איז די גאנצע נאכט איבער דער צעלע אהין און צוריק געגאנגען.

אויף מארגען נאך מיטאג איז צו איהם דער פאלאטץ־מאיאר געקומען און האט איהם פארווירפע געמאכט, וואס ער האט זיך מיט די צוויי אפיציערען געקריגט.

טרענק האט דעם מאיאר ערצעהלט ווי די זאך איז צוגעגאנגען, ער האט איהם אבער ניט געגלויבט.

קיין עדות האט ער ניט געהאט און אזוי איז ער צו זעקס טאג ארעסט פעראורטהיילט געווארען.

שווייגענד האט ער דעם אורטהייל אויסגעהערט ער האט געוואוסט, דאס זיין פראטעסטירען וועט איהם גאר ניט העלפען.

(פארזעצונג פאלגט)

אידישע פאקס טעכטער איהר מוזט אלע קומען

הייגט אכט אוהר אבענד מוזען אלע פרויען וואס אינטערעסירען זיך אין כשרות קומען אין תלמוד תורה צו א ספע-ציעלע פערזאמלונג.

פיעלע נייעס איז דא מיט צו טהיילען, און אויך פיעלע נייעס צו פערהאנדלען. קומט און אינטערעסירט זיך מיט דעם וואס מיר האבען אונטער גענומען צו טהון.

וועד פון די אידישע פרויען וויל דאס נישט האבען כשרות אין שטוב, אין הויז. ווער פון אייך ווייסט דאס נישט אז כשרות פערהיט דאס געזונד פון אונזערע פאמיליעס, קומט דעריבער אלע.

קומט איז צייט.

מיט אכטונג,

די פרויען קאמיטע פון כשרות

אחינו בני ישראל

פערגעסט ניט דעם פסוק וואס איהר זאגט 3 מאל אלע טאג

ולמדתם אותם ואת בניכם

און ברענגט אייערע קינדער אין תלמוד תורה 81 טשעסטנאט סט. ווי עס זיצט א שטענדיגער מלמד און א משגיח צו לערנען תנ"ך און תלמוד ווי אויך שרייבען אידיש מיט די בעסטע לעהרער.

מיר מאכען קיין אונטערשיעד ארעם און רייך. געדענקט און פערזאמט ניט די וועלטענע געלעגענהייט

הקאמיטע

ווי אויך בעטען מיר צו פאטראגייזען אונזער ווירדיגען קאלעקטאר אברהם יצחק פיעשעווסקי וואו ער וועט קומען צו אייך אויף שמחות

ווילט איהר איין זינגער מאשין פאר הויז אדער שניידער נייע און סעקאנד הענד מאשינען פערקויפט צו ביליגסטע פרייזען.

L. BREITSTEIN
614 College St. Tel. Col 8531

כשרות דירעקטארי

עטאבלירט פון ועד הכשרות מיט די פעראייניגטע דריי רבנים צו אפשטעלען די הפקרות אין טאראנטא.

די קצבים פון דיזער דירעקטארי קומען נאך אלע פאדערונגען פון די רבנים, ניט צו האלטען קיין טרפות מיט כשרה צוזאמען אין איין פלאץ, און קויפען פלייש אין די שלאכט הייזער וואו די שחיטה ובדיקה געהט צו אויפ'ן בעסטען ארט.

אלע קצבים און אויך אנדערע וואס האנדלען מיט כשרות, שחיטה עופות פלעצער, רעסטאראנען, ווארשט מאכער און בעקערס וועלכע ווילען נאכקומען די רבנישע השגחה פאדערונגען זענען געבעטען צו געבען זייערע נעמען אין דיזער דירעקטארי. מעלדען זיך צו ס. וועבער 233 סימקא סטריט, ח. פאסטערניאק 227 יוניווערסיטי עוו., ל. ראטשטיין 188 טשעסטנאט סטריט.

בוטשערס

ד. א. קאהען 164 יארק סטריט
מענדעל גאלדמאן, 467 ריטשמאנד
אברהם דזשעקסאן 215 פארלאמענט
אברהם גרובער, 119 ענגעס סטריט
שלמה מענדעלסאן 75 ענגעס סטריט
ליבוש סאלקאוויטש 66 קענזינגטאן
משה בראקער 50 קענזינגטאן
אליעזר זיטזאמער 71 טשעסטנאט
פ. מרגלית 5 סענט פעטריקס מארקעט 138 קווין וועסט.
מענדעל איטען 311 קווין איסט.
שמעון קאלמאן 206 אגוסטא עוו.
ל. געלבער 153 מיקאל סטריט
יעקב סאליווי 42 דאנדעס

ווארשט

אליהו דאלגינס פון 442 אדעלייד סט. וועסט

רעסטאראנען

ס. גאלדענבערג 63 עליזאבעטה סטריט

עופות צום שעכטען

סט. פעטריקס מארקעט 138 קווין וו.
671½ ריטשמאנד וועסט

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאראנטא



נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגע, געמאכט וויל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי פאר דעם ביליגסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעניוועיט.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשולס 40 סענט, סטעפס 50 ס מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם ביליגסטען פרייז.

וואס איז מיט אייערע פרינטינג?

מיר מאכען די בעסטע דרוק זאכען פון דעם קלענסטען . . .

וויזיט קארט

ביז די גרעסטע

צייטונג

איהר ווילט דאך, אז זי זאל זיין גוט געמאכט, פון פעהיגע יוניאן ארבייטער, וועלכע האבען צו הילף די מאדערנסטע מאשינען.

ווייסט, אז דער „אידישער זשורנאל” איז דער פלאץ דערפאר.

ווען א שוהל, אן ארגאניזאציע, א סאסייעטי, אדער א יוניאן ווענדעט זיך צום „זשורנאל” נאך פובליסיטי, בעקומט זי עס אימער.

דער „אידישער זשורנאל” איז די צייטונג פון די טאראנטאר אידען, ווארום זאלט איהר ניט שטיצען אייער צייטונג.

מיט געבען די פרינטינג צום „זשורנאל”, שטיצט איהר ניט נור די צייטונג, נאר איהר העלפט זי דאדורך, אז זי זאל זיך קענען פערבעסערען, פערגרעסערען, און ווערען א וויכטיגער פאקטאר אינ'ם אידישען לעבען פון קענעדע.

צו פריוואט, צו פון אייער ארגאניזאציע, גיט תמיד די „דרוק ארבייט” אין „זשורנאל”.

ווען איהר גיט אונז אייער דרוק־ארבייט, קאסט עס אייך ניט טייערער, און איהר העלפט בויען און אויסהאלטען א וויכטיגען קולטור־פאקטאר פאר די היגע אידען.

ווען איהר דארפט האבען פרינטינג אז איהר ווילט זיין זיכער צו האבען א גוטען דזשאב געמאכט אין צייט, און ריכטיג אטענדעט

טעלעפאנירט גלייך צו דעם

„אידישען זשורנאל”

אונזער פארטרעטער וועט צו אייך קומען און אייך געבען דעם ריכטיגען פרייז.

פרינטינג דעפט.

„אידישער זשורנאל”

251–253 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן עדעלייד 3967

פייער אדזשאסטערס פאר די אינשורענס

ווען עס טרעפט ביי אייך א פייער תיינס ביינאכט טעלעפאנירט מיין 3739, ביינאכט הילקרעסט 2037. קאנאדיען אדזשאסטמענט און אינספעקשאן ביורא 14 טאראנטא סט.

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט יונגע מיידלאך פון 15 אונד 16 יאהר אלט צו טרימען העטס עקספיריענסד אדער נישט עקספיריענסד גוט בעצאהלט פרעגען אמעריקאן העט קא. 49 באטהורסט סטריט

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס ביי סטערס און באטאן נייערס גוטע וויידזשעס שטיק אדער וואך ארבייט פרעגען עקסמיטה און סטיוועסין 33 ריטשמאנד סט. וועסט.
8134—9—11

פערלאנגט אפערייטערס ביי מענער רעק. דער בעסטער טשאנז זיך אויסצולערנען גוטע ארבייט. מיידלעך אדער מענער סטעדי דזשאבס בערגער טיילארינג 260 ריטשמאנד וועסט.
8120—9—14

פערלאנגט מאשינען אפערייטארס האנד נייערס אויך מיידלעך צו לערנען פרעגען ענדערסאן און מעקבעטה 284 קינג סט. וועסט.
8098—9—12

פערלאנגט א פרעסער אלס א פארטנער אין א גוטע איינגעטריטע קלינינג און פרעסינג סטאר. גאראנטירט פאר אן אנשטענדיגען לעבען צו מאכען. נאכפרעגען 545 דאנדאס סטריט.
8140—9—12

פערלאנגט א באי פון 16 אדער 17 יאהר צו לערנען פאטאגראפי. קען קריגען וויידזשעס פון הער ערשטער וואך. נאכפרעגען 280 קווין סטריט וועסט, שליאכטער.
8144—9—12

פערלאנגט אפריטערס און פינישערס און פרעסערס, גוט בעצאהלט און סטעדי ארבייט, ביי קעפס. ענגליא און דעניע 52 וועלינגטאן סטריט.
8161—9—13)

פערלאנגט מענער פאר האלסייל גראסערי ארבייט גוטע וויידזשעס
יוסף פראגער קארנער עלם און עליזאבעטה

פערלאנגט א סים פרעססער נאכפרעגען ביי הילקריסט 107 פראנט סט.

פערלאנגט א גוטען אונטער פרעסער צו מיליטער ארבייט ב. דייוויס 62 דזשאן סט.

וויכטיג פיר סעקאנד הענד דיעלער פון סיטי און קאנטרי

איך מאך בעקאנט דאס מיר האבען איין גרויסען סטאק פון סעקונד הענד קלאדינג 125 טשעסנאט סט. ניער ענגעס סט. זעהר גוטע פרישע ווארעס ביליגע פרייז. גוטע בעהאנדלונג צופריעדענהייט גאראנטירט בינדער בארענשטיין קא.
8071—9—11

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך אונד יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087

ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY. - 10 TERAULEY ST

ווילט איהר. פאהרען 10 ביז 15 מייל א טאג?

דאן קויפט א רעמבלער, אדער אימפעריאל בייסיקל.

ביי די איינציגע אידישע אגענטען פון די קענעדע סייקעל מאטאר קא. אין 163 ענגעס סט. ש. הימעל פראפ. פאהן ער. 3582.

אונזער מאטא, ריעלע בעהאנדלונג, ארבייט גאראנטירט, מעסיגע פרייזען אטאמאבילס צו פערענטען, 150 א שטונדע

Real Estate

צו פערענטען

א פלעט מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס צו פערענטען, הייס וואסער א נאכצען יאהר א גוטע געלעגענהייט פאר איין פאר פאלק פרעגען 44 ד'ארסי סטריט
8064—9—12

צו פערענטען א שעהנעם פלעט פון 3 רומס מט אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען רייטוויין 65 בארען סט.

א פלעט צופערענטען פאסיג פאר איין קאפעל 3 ליכטיגע רומס ביי רעקארירט אלע בעקוועמליכקייטען גאז און עלעקטריק זייער ווארים באהייצט אין ווינטער אימער הייסע וואסער, פארטיגע ווינדא בליינדס און עלעקטריק פיקטשורס פארטיג צום יוזען נאכפרעגען 71 דיארסי סט.
8061—9—11

צו פערענטען א פיאר רום 2 קאטידזשעס 56 עליס סט. אין ריר נאכפרעגען 23 פאלמערסטאן עוו.
8139—9—11

א דריי רום פלעט צו פערענטען מיט אלע קאנוויניענס נאכפרעגען אין 36 אלם טער סט.
8134—9—11

א שעהנע סינגעל רום אין ניסנעוויץ'ס הויז 37 מיידזשאר סטריט. טעלעפאן פריי. אלע קאנוויניענס.
8152—9—14)

א פלעט צו פערענטען 153 יוראן סט.
8153—9—11

BUSINESS CHANCES

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

איך פערקויף טליתים אויף ביליגע פרייזען נאכפרעגען 15 פיבי סטריט.
8147—9—12

צו פערקויפען א שניידער מאשין (וואהלער ווילסאן) ארבייט פוירסט קלאס $12.50 נאכפרעגען 87 מיקאל סט, נאך 6
8102—9—15

צו פערקויפען בילינג א קענדי, אייזקריעם פארלאר און סיגאר ביזנעס גאראנטירט א גוטען לעבען צו מאכען אורזאכע מאן פארלאזט די שטאדט שרייבען באקס 403
8893—9—12

א גראסערי סטאר צו פערקויפען, ביליג רעגט אורזאכע אויפען פלאץ שרייבען זשורנאל באקס 402
8065—1—10

א הויז און גראסערי סטאר צו פערקויפען אין האמילטאן אין רעכטען אידישען סענטער

טען מאכען א קעש גראסערי און טהאן די א פעהיגער גראסערי מאן קען דאר בעסטע ביזנעס פיר איינצעלהייטען נאכפרעגען 259 יארק סטריט האמילטאן
8079—9—11

איך נעם אן א פלאץ א בעל־תפלה אויף שחרית מוסף בעל תוקע, קאנטרי אדער אין סיטי זייך. ווענדען מיסטער ראבניצקי 18 דרעפיר
8076—9—18

צו פערקויפען א סינגער מענער מאשין אין גוט לאנדישאן נאכפרעגען מילער 5 מאס פארק פלייס קארנער קווין און שערבערן
8136—9—11

„אויף שמחות און אונטערהאלטונגען”

פאר די מלחמה קרבנות.

א גרופע קינדער האבען געמאכט א פארשטעלונג אין א יארד אין 76 באלדווין סטריט, און דעם דאלאר פראפיט האבען זיי אבגעגעבען פאר די מלחמה קרבנות.

דעם דאלאר האבען געבראכט די קינדער פערל טוים און ענע ראזענבערג.

* * *

אויף א ברית אין 3 בעלווי פלייס ביי מר. לויע גינזבורג איז געזאמעלט געווארען 5 דאלאר פאר מלחמה קרבנות און 5 דאלאר פאר פאלקס פעראיין. דאס איז אפגעקויפט געווארען ביי מר. און מרס. זארעטסקי, 91 גרענדוש עוו. פאר $2.50 איבערצוגעבען אין דעם „אידישען זשורנאל” און $7.00 איז געמאכט געווארען פאר די יתומים און איבערצוגעבען ביי מר. און מרס. לאכאיסקי, 659 ריטשמאנד סטריט. חזן קאפלאן איז געווען מוהל.

בעל תפלה

חזן שמעון דינקין פערלאנגט א פלאץ אין שטאדט אדער קאנטרי צו מתפלל זיין ימים נוראים

ער איז אויך איין שוחט עופות

נאכפרעגען 219 יוראן סט.
8109—9—14

דארפט איהר א טלית א מחזור א שנה טובה

קומט צום אלט בעקאנטען מוכר ספרים פ. סיימאן 74 עליזאבעט סטריט ביליגער ווי איבעראל קאנטרע אדרעס ווערען ראיעל אין פינקליך בעהאנדעלט.

מתקבלת החתימה על ,,התורן״

למחצית השנה השניה

(ספטמבר 1916 — מארץ 1917)

עם הגליון העשרים וששה תתם מחצית השנה הראשונה לקיומו של ,,התורן״ השבועי. כל אלה שחתמו על "התורן" לחצי שנה מתבקשים איפוא להזדרז ולחדש את חתימתם כדי שלא יבוא עכוב במשלוח הגליונות הבאים אליהם.

בגשתנו הפעם למחצית השנה השניה של הוצאות ,,התורן״, חושבים אנו למותר להרבות דברים על טיבו של עתוננו ועל ערכו לקהל הקוראים העברים באמריקה. למותר הוא בעינינו גם להבטיח הבטחות להבא. גליונות ,,התורן״ של החצי השנה הראשון לקיומו מדברים בעדם. הדרך התפתחותו של עתוננו העברי במשך החדשים להופעתו מחזקת. את האמונה בלבנו, כי לאט לאט בעבודה משותפת של טובי הסופרים העברים וטובי הקוראים העברים אשר בארץ הזאת, יעלה בידינו להגיע אל מטרתנו, אשר התוינו לנו בראשית עבודתנו: לקיים באמריקה עתון עברי לאומי הגון, המשמש כלי מבטא לרעיון התחיה העברית ומרכז ספרותי לנבוני הקוראים העברים, בעלי הטעם הטוב והרגש הישר.

רק דבר אחד אנו רואים בזה צורך לעצמנו להטעים, ואת הדבר הזה אנו מישמיעים הפעם מתוך שביעת רצון מיוחדה: במחצית שנתו הראשונה של ,,התורן״ השבועי נוכחנו בעצמנו ועלה בידנו להוכיח גם את קהל הקוראים העברים לדעת, כי יש מקום ויש צורך ויש גם יכולת רבה ורחבה לעתונות עברית מהוגנת שתתקיים בארץ הזאת. גליונות ,,התורן״, בתכנם הספרותי המנופה ותבניתם החיצונית המשובחת שציאו עד כה תמידים כסדרם מדי שבוע בשבוע, הוציאו את עתוננו מכלל נסיון, כהנסיונות שקדמו לו ועשוהו עובדה חיה וניכרת במהלך חיינו הלאומיים בארץ הזאת ובהתפתחותם. עדים נאמנים היים קוראי "התרן" ועדות הן תשומת לבם וחבתם היתירה אליו, להולכות ורבות מיום ליום.

ובקוראי ,,התורן״ אנו שמים את מבטחנו גם להבא. ידע נא כל אחד מקוראינו, המוקיר בכל לב את הלשון העברית וספרותה והחפץ בכל לב בקיום עתוננו העברי ובשכלולו לימים הבאים כי לא עלינו בלבד המלאכה לעשות, כי שותף הוא לנו בעבודה הגדולה והנכבדה הזאת — עמדת הנטיעה של גרעיני המחשבה העברית בלב בנינו באמריקה. ידעו נא קוראינו ויתנו אל לבם כי כמוהם רבים הם היודעים עברית בארץ הזאת, המפוזרים בין אוכלסי אחינו לאלפים ולרבבות, ועל כל אחד מהם החובה מוטלת לסייע בידינו ולקיים נפשות אלו מישראל להלשון העברית ולהורות העברי על ידי העתון העברי. אדיר חפצינו הוא, כי יגיע העתון העברי, נושא רעיון התחיה העברית, לכל בית ישראל, אשר הלשון העברית עדיין לא נשתכחה ממנו, ויהא זה מקבץ נדחים ומעורר נרדמים לקראת עבודת הרוח של העם במקורו הראשון.

הדבר הזה בידכם הוא, הקוראים, לעשותו.

חתמו על ,,התורן״ והחתימו עליו עת כל מכריכם, היודעים עברית - ותהי נא זאת עזרתכם המשותפת לעבדתנו, אשר תתן בידינו את היכולת לשפר ולשכלל את עתוננו העברי יותר ויתר, עד הביאנו אותו לידי השלמות הרצויה לידי הגובה הספרותי האידיאלי, אשר אנו נושאים את נפשנו.

עד עכשיו השתתפו ב"התורן" הסופרים האלה:

אביתמר י. אבנר י., אוירבוך צ., אולאנם א. ש. אלכסנדר צ., אפרת ישראל, אריאל י. ארנסט ב., איש שלום, בבלי הלל, ביילין א., בן גוריון ד., בן יהודה חמדה, בן מנחם א. בן צבי י. ברק י. ד., ברקוביץ י. ד. גולדברג אב. גינזבורג א. דר. גינזבורג פסח, דודזון ישראל פרופ. דוליצקי מ. מ., מ. דמניץ א, הלוי משה הלפר בן ציון דר. הירש ביין פרין, וואכסמאן מ. דר. ווייטמאן ק., זרובבל, לובארסקי אברהם אליהו, לוין שמריהו דר. ליסיצקי אפרים א., מוסינזון ב. דר. מלאכי א. ר., מלמד ש. מ. ד"ר, מקסימון ש. ב. סילקינר ב. נ., סירקין נחמן ד"ר, פרישברג י. ז. פרנקל א. פרסקי דניאל, קוראלניקא. ד"ר, שווארץ א. ש. שווארץ י. י., שוער אברהם, שיינקין מ. שלמוני ה. שלום עליכם, שניאור ז. ועוד.

מחיר ,,התורן״:

לשנה $3,00 לחצי שנה 1,50: לפחות מחצי שנה אין החתימה מתקבלת.

החותמים מחוץ לארץ צריכים להוסיף 50 סנט לשנה דמי משלות.

הכתובת למשלוח.כספים:

Hatoren. 89-91 Delancey St.
NEW YORK

ווען איהר געברויכט
ווילסאנ'ס
פליגען פעפער
לעזט די דירעקשאנס
פארזיכטיג און
פאלגט זיי נאך
פינקטליך

בעדייטענד מעהר ווירקזאם ווי דאס קלע־פינג פאפיער באפעניש. ריין צו האלטען אין די הענד. ווערט פערקויפט ביי דרא־גיסטען און גראסערס איבעראל.

וויסענשאפטליכע ערקלערונג וואס רום מיידלאך קושען זיך מיט סאלדאטען וואס געהען אויף מלחמה

אין דער לעצטער צייט ווען פון פיעלע שטעדט זענען ארויסגעשיקט געווארען סאלדאטען האט מען געקענט בעמערקען, ווי אויף יעדען סטיישאן פלעגען קומען הונדערטער מיידלאך צו קושען ,,גוד־באי״ צו די אפרייזענדע סאלדאטען. די מעהרסטע קושעריגס זיינען געווען ווילד פרעמדע מיידלאך, וועלכע האבען די סאלדאטען געזעהען דעם ערשטען מאהל אין זייער לעבען, און דאך האט דאס זיי ניט אפגעהאלטען פון צו פאלען זיי אויף די העלזער און קושען זיי. פונקט ווי זיי וואלטען א שטייגער געווען זייערע שוועסטער כלות אדער אזוי כאטש גוטע פריינד.

וואס זשע איז דאס פאר א מין געפיהל? מיט וועלכען ערקלערט זיך די זע מאדנע ,,קוש עפידעמיע״ וועלכע ברעכט אוים צווישען פרויען צו יעדער צייט ווען א מלחמה ווערט ארויסגערופען?

אין דעם ,ניו יארק אמעריקאן״ איז אפגעדרוקט אן ארטיקעל פון א בעריהמטען דאקטאר און וויסענשאפטסמאן, אין וועלכען דער שרייבער סטארעט זיך צו פערענטפערען דיעזע פראגע אויף א ריין וויסענשאפטליכען אופן. און ניט קוקענדיג דארויף וואס די וויסענשיפט ווערט פיעלייכט אזוי שנעל ניט געבען איהר הסכמה צו ריעזען דאקטאר'ס בעהויפטונגען, זיינען אבער איניגע פון זיי נע גערדאנקען וועגען דער פרוי אין אלגעמיין זעהר אינטערעסאנט. אט וועלען מיר דא ברענגען די וויכטיגסטע אויסציגע פון זיין ארטיקעל:

,,די פרוי געפינט זיך נאך אין א האלב ווילדען צושטאנד; זי איז פרימיטיו, און אלס אזעלכע שעצט זי זעהר שטארק און פערגעטערט די פיזישע קראפט. זי קושט דעם סאלדאט, ווייל ער איז דער סימבאל און דער טרעגער פון מאכט. א פרוי וועט גיכער בעמערקען ,,זעה, וואס פיר א שטארקער מאן דאס איז!״ איידער זי זאל אייך זאגען ,,זעה, וואס פיר א שעהנער און עדעלער מאן ער איז!״ מיט די מענער ווידער איז פונקט פערקעהרט. זיי ווילען ניט אזוי פיעל אפשאצען די שטארקייט פון דער פרוי, ווי איהר עדעלקייט און צערטליכקייט. די פרוי אלס א פרימיטיוועס וועזען קוקט אויף דעם מאן, זאגאר אונבעוואוסטזיניג ווי אויף איהר בעשיצער. דער מאן ווידער וועלכער איז געוואוהנט צו קוקען אויף זיך אלס דער פרוי'ס בעשיצער מוז אינסטינקטיוו פעראכטען א שטארקע פרוי. אזא פרוי נעהמט פון איהם אוועק זיין מענער שטאלץ; ער האט ניט וועמען צו בעשיצען, און ער פיהלט זיך געקרענקט פון דעם וואס זי, די שטארקע פרוי, דארף שוין מעהר צו זיין בעשיצונג נישט אנקומען.

אלזא די מאכט פון דעם סאלדאט — דאס איז איינע פון די אורזאכען וואס רופט ארויס ביי דער פרוי איהרע פרימיטיווע אינסטינקטען, וועלכע זי קען ניט אויסדריקען דורך קיין אנדער פארמע ווי דורך קושען זיך.

עס איז אבער דא פאראנען נאך א פיעל מעהר וויכטיגערע אורזאכע די פרוי פון איהר נאטור איז א בלוט ליעהאבענדע חיה. זי האט פערגעניגען זאגאר ווען זי קוקט אויף דעם קאליר פון בלוט. דער סאלדאט ווייסט זי, געהט מארדען, בלוט פערגיסען, און אינסטינקטיוו פערגעטערט זי איהם. עס מאכט ניט אויס פון וועלכען קאליר זיין ,,יוניפארם״ איז, עס דערמאהנט איהר אבער אין בלוט. עס איז א פאקט אז פרויען, פיעל מעהר ווי מענער, גלייכען צו קוקען אויף א פערזאן וואס האט רויטע באקען, און עס איז קיין אונטערשיעד אויב די באקען זיינען מענערשע אדער ווייבערשע, אבי זיי זיינען רויטע. און דאס אלעס ערקלערט דאמיט ווייל פרויען זיינען בלוט לעבהאבענדע בעשעפענישען.

זייענדיג אין א האלב פרימיטיווען צושטאנד, ווערט די פרוי אויך ענטציקט פון פערשיעדענארטיגע פארבען און קאלירען. בעטראכט איהרע ריבאנס, איהרע קארעלען, איהרע העטס און איהרע פעדערען, און איהר מוזט צוגעבען אז עס און אין איהר נאך פערבליבען א שטיק אינסטינקט פון אונזערע אור־עלטערען.

אין דעם פערזאן פון דעם סאלדאט געפינען זיך אלזא די הויפט 3 עלעמענטען וועלכע רופען ארויס ביי דער פרוי איהר איינגעווארצעלטע געפיהלען פון איהר חיה'שען צושטאנד. ער בעזיצט די מאכט אין וועלכער זי נויטהיגט זיך פאר איהר בעשיצונג; ער איז דער סימבאל פון בלוט וועלכעס רופט ביי איהר ארוים א מין חיה'שע אויפרעגונג, און ער רייצט אויף פאר איהר מיט זיין יוניפארם אלס א טעמפעל פון פיעלפארביגע קאלירען.

און אום צו בעווייזען זיינע ארגומענטען נאך אויף א מעהר וויסענשאפטליכען אופן, קעהרט דער שרייבער אום צו די גאר אור־אלטע צייטען, ווען מענשען אין דער מדרגה פון דיות פלעגען מארדען און פערניכטען די שוואכערע בעשעפענישען; און פלעגען זיך מיט זייער בלוט אנטרינקען, גלייבענדיג אז דאמיט האבען זיי אוועקגענומען די קראפט פון זייער שונא. די מלחמות וועלכע אין זייער הויפט כאראקטער איז אן אפשטאמונג פון אונזער ווילדען צושטאנד דריקען איבער אוים דעם געפיהל און די אויפרייצונג צו בלוט פערגיסונג. אין דער פאהן פון כמעט יעדער נאציאן געפינט זיך דער רויטער קאליר אלס דער סימבאל פון בלוט. די פרוי וועלכע שטעהט פיעל נאהענטער מיט איהר אינסטינקטען צו דער פערגאנגענהייט ווי דער מאן איז דארום פיעל שטארקער גענויגט צו בעגייסטערט ווערען פון דעם בלוט סימבאל. און אין צייט פון מלחמה ווערט נאך דיעזער אינסטינקט ביי איהר מעהר צורייצט, און זי דריקט אוים איהרע געפיהלען דאמיט, וואס זי קושט די טרעגער פון דיזע בלוט סימבאלען.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און מעקאל סטריט
DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער סט. פעטריק סט. און ספע־דיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6073, הויז טעלעפאן קאלעדזש 6937

אברהם קאהען
בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 9684
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1845

קויפט איהר נייע מעבל אדער קליידער, קויפט איהר א נייעם בייסיקעל, אדער אויטאמאביל, קויפט איהר א נייעם הויז — דאן פערזיכערט עס ביי מיר איך רעפרעזענטיר איינע פון די בעסטע, רייכסטע קאמפאניעס אין דער וועלט. — גיט מיר די ביזנעס דירעקט. — איך וועל אייך פינקטליך, ארענטליך בעדיענען. — טעלעפאנירט, שרייבט, אדער קומט צו מיר.

ראיעלע בעהאנדלונג

דער איינציגער אידישער אגענט אין קענעדע וואס שרייבט פאליסעס אין זיין אפיס.

ספרעכט מיט מיר דורך'ן טעלעפאן.

עמנואל י. קענען, 24 טאראנטא סטריט.

ביי מיר זייט איהר פערזיכערט פון דעם מאמענט. איהר טעלעגראפירט, אפילו אין מיטען נאכט. — זאגאר ווען איהר קריגט קיין רעסיט — בלויז ווען איך פער־

EMANUEL I. KENEN
General Insurance Broker
24 Toronto St.
Telephone M. 4711 M. 2010
Marriage Licences Issuer

[illegible]

חזן קאפלאן

וועלכער האט פאזעטיוו פער דיענט פון אללע אידען פאטריגייזד צו ווערען די וואס קענען חזן קאפלאן, פער די לעצטע 10 יאהר, אין טאראנטא, ווייסען עס

דארום טהוט אייער מענשליכע פליכט און פאטראנייזט דעם יענם וועלכער האט פערדיענט פאטראנייזט צו ווערען רעוו. מ. קאפלאן 166 דזשאן סט. [illegible]

טעלעפאן ערלייד 1545, אפפיס טעלעפאן ערלייד 239. מוהל און מסדר קידושין איך גיב מערידזש לייסענס פריי צו אללע חתן כלה.

דער גרעסטער אנטיסעפטישער [illegible]
און
דער מאדערנסטער מסדר [illegible]
אין טאראנטא.



[illegible] קאנטאר וואלאדאווסקי

רופט מיך און איבערצייגט אייך קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 ראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזונסט.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

אנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

טעגליך	געהט אב 7.25 נאכמיטאג	אושען לימיטעד

מאריטים עקספרעס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאסטרעא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאן, די סידניס
פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן אידזשענט
51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. [illegible]

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 105

באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6908.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים דהיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלס ביטווין מאן אונד פרוי נאכ'ן אידישען דין און אויך סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

חזן מאנאוויץ
מוהל ומסדר קדושין

אלע זיינען שוין איבערצייגט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין.
רופט איהם און איבערצייגט זיך.
אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

די ,,געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד [illegible] פאר די יונגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויפ'ן לאנד. ווייסט איהר דאס די וועלכע הייבע אגריקולטור לאנד [illegible] כמעט אין גאנצען פריי אדער [illegible] גוטע, פראדוצירען שוין [illegible] תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, זיה ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגערמאהנטען געגענד שרייבט צו:
דזש. ה. פערגוסאן
מיניסטער אף לענדס, פארעסטס, און מיינס.
פארלאמענט בילדינג
טאראנטא אנטעריא

סעקשאנאל רום סיסטעם
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 262
דזשענעראל קארטיידזש אייגענטום
368 ספעדינא עוו. טאראנטא, אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור גענומען און געסטארד.
שטוב זאכען געפאקט און געשיפט ביי עקספערטען.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט צונערעקטע וועגען. פלעזשור טריפס.
[illegible]

ווי דער זשורנאל בעלייכט דורך זיינע פערשיעדענע אדווערטייזינג קאלומס. אלערהאנד געשעפטען און פראפעסיאנען:

פערלאנגט אדווערטייזינג
פערפיצירטע אדווערטייזינג
קלאסיפיצירטע
ריעדערס
אלגעמיינע אדווערטייזינג
דיספלעי אדווערטייזינג
קלאסיפייד דירעקטארי אדווערטייזינג

קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס:
ארבייט געזוכט
ארבייטער פערלאנגט
הייזער צו פעררענטען
הייזער צו קויפען
הייזער צו פערקויפען
ביזנעס צו קויפען
ביזנעס צו פערקויפען

1 סענט א ווארט טעגליך.
2 סענט א ווארט 3 טעג.
4 סענט א ווארט 6 טעג.
מינימום 15 ווערטער אן אדווערטייזמענט.



די נשמה פון ביזנעס איז אדווערטייזינג—

ווען איהר אדווערטייזט אייער נאמען און דעם נאמען פון אייער פירמע אין דעם "אידישען זשורנאל", גרייכט איהר טויזענדער מענשען און איהר רעדט צו אלע. אדווערטייזט איהר אבער ניט, ווייסט פון אייך קיינער ניט איהר ווערט פערגעסען! איהר טהוט ווייניג ביזנעס און קענט ניט ערווארטען קיין ערפאלג.

ביזנעס ניט קיין אדווערטייזט איז טויט

שטארבט זשע ניט פאר דער צייט, נור שיקט גלייך אריין אייער אנפראגע וועגען אונזערע פרייזען פאר אדווערטייזינג, אדער טעלעפאנירט און אונזער פערטרעטער וועט אייך ברענגען אלע אינפארמיישאנס.

אונזער טעלעפאן נומער איז: ערעלייד 3967

251־253 קווין סטריט וועסט

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto. Ontario
January 22nd, 1913

די פערשווערונג געגען ברייטען עולם

)::(

איוב עס איז אפילו נאך ניט בעוואוסט דער בעשלוס פון אונזערע שטאדט - טאטעס, צו די שטאדט וועט קויפען קוילען און עס פערקויפען צו ביליגערע פרייזען צו די בירגער, איז אבער מעהר ווי זיכער, אז זיי וועלען עס ניט טהון, ווייל צו נאהענט שטעהען אונזערע שטאדט - טאטעס צו די, וועלכע העכערען די פרייזען. זענען זיי דאך מעהרסטענס אלע פונ'ם זעלבען קלאס. און אפילו די עטליכע ארבייטער פיהרער, וועלכע מיר פערמאגען, קומען דאך אויך פונ'ם קאנסערוואטיווען חדר, ביי וועלכע מען פראפיט און הויכע פרייזען זענען פעררעכענט פאר די אונבעריהרבארע הייליגקייטען.

צו עס וועט בעוויליגט ווערען אדער ניט, צו די שטאדט וועט עפענען „קוילען - יארדס" אדער ניט, איז דאך אבער ניט ריכטיג דער גאנצער טומעל, וואס מען האט געמאכט ארום דער קוילען - פראגע.

איוב דער פלייש - האלסיילער האט דאס רעכט צו העכערען דעם פרייז אויף פלייש, וויפיעל זיין הארץ גלוסט, ווארום זאל עס אויך ניט האבען קיין רעכט דער קוילען-טראסט ?

אמת, עס געהט יעצט צו ווינטער, דער סעזאן פון די קוילען, און בלויז מיט דעם קען ערקלעהרט ווערען דאס, וואס די קוילען - פראגע איז יעצט ארייפגעשטעלט געווארען אויפ'ן טאגעס - ארדנונג, אבער מיט דעם וואס מען בעשעפטיגט זיך בלויז מיט איין ארטיקעל פונ'ם יברות, גיט מען דערוויל א געלעגענהייט, אז אויף אלעס אנדערעס זאלען די פרייזען דערהוייל קענען שטייגען אזוי הויך, וויפיעל יענע ווילען עס.

ווען עס שטייגען די פרייזען אויף ארטיקלען למשל ווי פארב, פאפיער א. ד. ג., קען עס ערקלעהרט ווערען מיט דער מלחמה, ווען עס שטייגען אבער יענע ארטיקלען, וועלכע האבען מיט דער מלחמה גאר ניט צו טהון, מוז עס בעטראכט ווערען אלס א פערשווערונג געגען עולם, און גערעכט זענען דארום די יעניגע, וועלכע טענה'ן, אז אנשטאט דעם בלויזען פראטעסט געגען דעם קוילען - יקרות, זאל געפאדערט ווערען א ברייטערער פראטעסט טהעטיגקייט, געגען דעם יקרות אין אלגעמיין.

די יעצטיגע שטייגענדע פרייזען אויף אלע נויטווענדיגע ארטיקלען קענען אנדערש ווי א פערשווערונג ניט בעטראכט ווערען, און זיי זענען מעהר ווי לאקאלע פראגען, אזוי אז די פעדעראלע רעגיערונג מוז זעהן צו נעהמען א האנד אין דעם ניט נור דורך גאר ניט - ברענגענדע אונטערזוכונגס - קאמיסיעס, נאר אויך דורך טהאטען, דורך אבשטעלען די רויבערישע אפעטיטען פון די טראסטס, וועלכע וואקסען יעצט ווי שוואמען נאך א רעגען.

ווען די רעגיערונג וועט מיינען די זאך ערנסט, קען זי פיעל טהון, ניט נור בנוגע קוילען, נאר געגען דעם יקרות אין אלגעמיין, און דער בעשלוס פון דער רעגיערונג וועגען דעם, וועט צייגען, ווי וויים די אינטערעסען פונ'ם פאלק זענען זיי באמת נאהענט.

ווי די בעריכטען פון איבער'ן לאנד צייגען איז דער היי - יעהריגער „הארוועסט" געוועזען א גוטער, אזעלכער ווי עס איז שוין ניט געוועזען פון יאהרען. און דאך האלט דער פרייז פון ברויט אין שטייגען, און דאס קען דאך ניט זיין אן א אורזאכע.

דער רעטעניש מוז אויפגעקלעהרט ווערען. צו דעם בעריסען מוז א סוף געמאכט ווערען, און ווער זאל עס טהון, אויב ניט די רעגיערונג ?

נויטיגען זיך קאנספיראטיווע ארגאניזאציעס?

פיעלע בעוועגונגען ליידען פון דער מכה אלס די „לידער" - מכה. אפטמאהל נעהמען זיך די געשרייען פון אונצופריעדענע מענשען, אבער יעדעס מאהל איז פערהאן א גרונד פאר דיעזע אלע קלאגען, איבערהויפט ווען די בעטרעפענדע בעוועגונג דערגרייכט צו א מדרגה פון וויכטיגקייט, ווען זי ווערט א מאכט.

די פראטעסטען אבער דארפען געמאכט ווערען אפען, מען זאל וויסען פון וואנען זיי שטאמען, די מאטיוען פון די, וועלכע מאכען עס און נור דאן קען עס גענומען ווערען פאר ערנסט. בקיוז אין אזא לאנד וואו אלעס איז אנלעגאל, מוז ארבייט געפיהרט ווערען קאנספעראטיוו.

מיר מיינען עס געגען דער נייער ציוניסטישער קאנספעראטיווער ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין די שטאאטען „על המשמר", מיט'ן צוועק צו איפווייזען די פעהלערן פון דער דארטיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

מעגליך אז די ציוניסטישע פעדעראציע פון די פעראייניגטע שטאאטען האט פיעל פעהלערן, די קריטיק אבער מוז זיין אן אפענע און ניט קיין קאנספיראטיווע.

משה העס, דער ציוניסט פון יאהרען צוריק, זאגט אין זיין בעריהמטען בוך „רוים און ירושלים", „וואס די רעוואלוציאן איז פאר'ן לעבען, איז די קריטיק פאר דער וועלט אנשויאונג". דיעזע ווערטער זענען אן אייביגער אמת, ווייל קריטיק איז אימער געזונד.

ווען אבער אין אזא פריי לאנד ווי די שטאאטען ווערט די קריטיק ארומגעוויקעלט מיט א קאנספיראטיווען שלייער, האבען מיר די רעכט צו צווייפלען אין איהר ערנסטקייט און אויך אין גוטען ווילען.

ערנסטע מענשען און גוט - מיינענדע דארפען ניט קיין מאסקעס, מיט וועלכע צו פערשטעלען דאס אייגענע פנים.

א נייער מיטעל ווי אויסצוגעפינען אונבעקאנטע טויטע מענשען

)::(

ניויארק איז פארלויפיג די איינציגע שטאדט אין דער וועלט וואו די פאליציי בנוצט זיך מיט דיעזען מיטעל. — פאליציי פון ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען וועלען אויך דיעזען מיטעל געברויכען. — דער "סקים" איז זעהר איינפאך אבער עס ארבייט וואונדערבאר.

פון א. ב—ר.

אין דעם נויארקער פאליציי דעפארטמענט איז פאר די לעצטע 3 יאהר איינגעפיהרט געווארען א נייע אבטהיילונג; זי רופט זיך "די ביורא פאר אונבעקאנטע טויטע". דיעזע אבטהיילונג ווערט געפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון א בעזונדערען בעאמטען, און די מיטלען וואו [illegible] ארטען געברויכט זיינען זעהר איינפאכע אבער העכסט אריגינאלע, און ערפונדען האט זיי גרענט וויליאמס דער הויפט פון די נויארקער דעטעקטיווס.

און ענטדעקט איז דיעזער מיטעל געווארען דורך א געוועהנליכען צופאל.

אין אזא שטאדט ווי נויארק מיט א בעפעלקערונג פון 5 מיליאן מענשען, געהט ניט אוועק קיין טאג, וואס מען זאל ניט געפינען קיין טויטען מענשען. אין דעם מארג, פיעלע פון די וואס ווערען גע־הרג'עט דורך עקסידענטס קומט אויס צו לייען פיר פיעלע טעג איידער זייערע קערפערס ווערען דערקענט, און א גרויסע צאהל פון זיי פלעגען שטענדיג בעגראבען ווערען אין "פאטערס פיעלד" אלס אונבעקאנטע. די משפחה אדער די פריינד פון אזעלכע הרוגים, פלעגען דענקען אז זייערע פריינד איז איינפאך פערשוואונדען געווארען, און אין פיעלע פעלע פלעגט מען קומען מעלדען צו דער פאליציי וועגען א פערשוואונדענעם, נאכדעם ווי יענער איז שוין לאנג בעגראבען געווארען.

פאר דער פאליציי איז דארום געשטאנען א שווערע פראבלעמע ; איבערהויפט פלעגט מען זיין אין א גרויסער פערלעגנהייט, ווען עס פלעגט פאסירען א פאל פון זעלבסטמארד, וואו דער זעלבסטמערדער האט אבזיכטליך פון זיך סארניכטעט יעדען סימן לויט וועלכען מען וואלט איהם געקענט דערקענען.

מיט 3 יאהר צוריק האט פאסירט א פאל, ווען מען האט געפונען דעם קערפער פון "ביג טים" סאליוואן, א געוועזענער קאנגרעסמאן פון נויארק און א הייסער פריינד פון די מענשען פון דער בויערי. זיין קערפער איז געווען צושניטען פון א טריין, און ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז געווען איינער פון די פאפולערסטע פערזענליכקייטען אין נויארק איז דאך זיין קערפער אפגעלעגען 10 טעג אין מארג איידער מען האט אים דערקענט. דיעזער פאל האט זעהר שטארק געווירקט אויף דער פאליציי, און טאקע באלד נאך זיין טויט האט מען איינגעפיהרט די נייע „ביורא פאר אונבעקאנטע טויטע".

פאר דער קורצער צייט פון דיעזער ביוראס עקזיסטענץ האט זי אויפגעטהאן אזוי פיעל וואונדער אז די פאליציי פון פערשיעדענע לענדער, ווי ענגלאנד פראנקרייך און איטאליען [illegible] וועלכע אמעריקא האט אליין זייערע פאליציי סיסטעמען נאכשטודירט און איינינע פון זייערע מעטהאדען נאכגעפאלגט — דיע זעלבינע לענדער ווילען יעצט איינפיהרען דעמזעלבען דעפארטמענט און געברויכען דיעזעלבע מיטלען אויף צו דערקענען די קערפערס פון טויטע מענשען.

און ניט נור טויטע מענשען קען מען דורך דיעזען מיטעל דערקענען, זאנדערען לעבעדיגע אויך, און בעזונדערס מענער. ווען איהר קומט אריין, למשל, אין א וועלכען ניט איז פאליס סטיישאן אין ניו יארק, און דער סארדזשענט וואס זיצט ביים דעסק וויל וויסען אייער ריכטיגען נאמען און אדרעס, דארף ער ביי אייך ניט בעטען אז איהר זאלט דאס איהם זאגען. איהר דארפט נאר איהם לאזען א קוק טהאן אויף דער אינוועניגסטער זייט פון אייער ווייסען קאלנער ; ער וועט דאן נאכזוכען א געוויסע ליסט פון קארדס אין זיין דעסק שיפלאד, אויף איינער פון די קארדס וועט ער געפינען א געוויסען טעלעפאן נומער, און אפריפענדיג יענעם נומער וועט ער אייך באלד זאגען וואס אייער נאמען און אדרעס איז.

דיעזער נייער 'סקיעם" ארבייט דורך די צייכענס פון געוויסע בוכשטאבען אין נומערס, וואס יעדער לאנדרי שטעלט אוועק אויף די פערשיעדענע וועש פון איהרע קאסטאמערס. אים די וועש זאל זיך ניט פאנאנדערמישען, בעצייכענט יעדער לאנדרי איהרע קאסטאמערס מיט א בוכשטאב און מיט א נומער, און אין די ביכער זייערע איז וויעדער פערשריבען יעדער זעלבער בוכשטאב מיט דעם נומער, ווי אויך דער נאמען און אדרעס פון דעם וועמעס לאנדרי עס טראגט יענע בעצייכנונג.

די פאליציי האט דארום געצוואונגען יעדער לאנדרי פון נויארק צו רעדזשיסטרירען זייערע בוכשטאבען וואס זיי בעצייכנען זייערע וועש. און ווען מען ברענגט א טויטען קערפער אין וועמעס פאקעטס מען געפינט ניט קיין סימן לויט וועלכען מען זאל איהם דערקענען, טהוט מען גלייך א קוק אויף זיין קאלנער אדער אויף דעם האלדז "בענד" פון זיין העמד. און ווען מען זעהט, צום ביישפיעל דעם בוכשטאב "בעל" און דעם נומער 311, קוקט מען גלייך איבער די ליסט פון די לאנדרים און מען געפינט אז דיעזער בוכשטאב ווערט געניצט פון א לאנדרי וואס געפינט זיך אויף דער 125טער סטריט ; מען רופט דעם לאנדרי מאן גלייך אב אויפ'ן טעלעפאן, און מען הייסט איהם געבען דעם נאמען פון זיין קאסטאמער פון 'בעל" 3111, עס נעהמט ניט מעהר ווי א מינוט און מען קריגט דעם נאמען און אדרעס פון דעם אונבעקאנטען.

און ענטדעקט האט מען דיעזען איינפאכען מיטעל דורך דעם פאלגענדען צופאל וואס האט פאסירט מאי דעם 10־טען 1913 : א פרוי איז געקומען אין פאליס העדקוואדערס און האט געמעלדעט אז איהר זוהן, וועלכער האט געארבייט אין דעם מאנהעטען האטעל איז פערשוואונדען געווארען, ווען די פאליציי איז געקומען אין האטעל האט מען איהר ערקלעהרט אז דעם 10טען איז דער יונגערמאן אוועק און פון דאן אן האבען זיי איהם מעהר ניט געזעהן, זיינע קליידער און וועש האט ער געלאזען אין האטעל, אויף זיין וועש איז געווען דער צייכען "על" "עלם 315, ווען מען האט גענומען איבערקוקען די פאליציי רעקארדס האט מען אויסגעפונען אז דעם 10טען מאי האט מען געבראכט א דערהרג'עטען, מען האט גלייך אפגעזוכט זיינע קליידער און מען האט אויסגעפונען אז אויף דעם קאלנער און העמד וואס ער האט געטראגען איז געווען דעזעלבער צייכען "על" "עקס" 315 אויף דעם צווייטען טאג האט מען רעדזשיסטריט אלע לאנדרים פון נויארק, זאגאר די משהנים לאנדרים וועלכע האבען זייערע אייגענארטיגע בוכשטאבען און צייכנונגען האבען זיך אויך גערעדזשיסטריט און פון דאן אן בענוצט מען זיך מיט דיעזען 'סקיעם' צו דערקענען די אונבעקאנטע טויטע וועלכע ווערען כמעט יעדען טאג געבראכט אין דעם שטאדטישען מארג.

די ערשטע קיים אויף וועלכע דיעזער מיטעל איז טאקע באלד פראקטיצירט געווארען איז געווען אזא פאל. א נעגער איז געפאלען טויט אין א סטריט קאר. דער דעטעקטיוו וועלכער האט זיך דאן גראד געפונען אין גאס האט דעם טויטען קערפער צוגענומען אין מארג. ער האט גענומען בעזוכען זיינע קליידער און האט קיין נאמען ניט געפונען. ער האט א קוק געטהאן אויפ'ן קאלנער און האט געזעהן דעם צייכען "דוב" 121 ; מען האט באלד אבגעריפען א געוויסען לאנדרי מאן פון וועסט 24טע סטריט און יענער האט געענטפערט : "דאס איז א 6 פיסיגער נעגער, וועמעס וועש איך קריג [illegible] לעצטע 5 יאהר ; ער וואהנט אין דעם און דעם נומער, גראדע ענטקעגען איבער'ן מיין לאנדרי'. די פאליציי האט באלד געלאזט וויסען אויף דיעזען אדרעס און די פאמיליע פון דעם נעגער איז געקומען אין מארג און האבען זיין קערפער דערקענט

ווי דער הויפט פון דיעזער ביורא ערקלעהרט, האבען זיי פאר די לעצטע 3 יאהר זעהר פיעל טויטע מענשען אזוי דערקענט, און אין פערלויף פון דיעזער צייט האבען זיי קיין איינציגען מאהל קיין פעהלער געמאכט. פערקעהרט, דערצעהלט דער דעטעקטיוו, דורך די געוועהנליכע אלטמאדישע מיטלען איז זיי גיכער שוין אויסגעקומען צו מאכען מיסטייקס, און דערביי דערצעהלט ער א העכסט קאמישע געשיכטע. מען האט א מאהל געבראכט א טויטען קערפער אין וועמעס פאקעטס מע האט [illegible] א [illegible] געגענטען ביזנעס מאן פון דער וועסט סייד מען האט ארונטערגעשיקט א פאליסמאן צו אנזאגען דער פאמיליע וועגען דעם טויט פון דיעזען מאן, ווען דער פאליסמאן איז געקומען צו יענער הויז האט איהם בעגעגענט א געזונטער שטארקער מאן ביי דער טהיר, און ווען דער פאליסמאן האט איהם אנגעזאגט די טרויעריגע נאכריכט האט זיך יענער זעהר שטארק צולאכט. דער סוף האט זיך ארויסגעצייגט אזוי, אז דער סוט וואס מען האט געפונען אויף דעם טויטען קערפער האט טאקע א מאהל בעלאנגט צו דיעזען ביזנעסמאן ; ווען דער סוט איז אלט געווארען האט ער איהם צוזאמען מיט נאך אלטע קליידער פערקויפט אין אלטווארג, און ער איז אנגעקומען צו דיעזען מאן וועמען מען האט געבראכט א טויטען אין מארג אריין.

ווי געזאגט ארבייט דיעזע נייע ביורא אויסגעצייכענט, און אין גיכען וועט מען אין אלע גרויסע שטעדט פון אמעריקא און אייראפא, זיך אנפאנגען בענוצען מיט די לאונדרים אלס א שליסעל צו אויפדעקען פיעלע געהיימניסע, זענען וועלכע די פעהינסטע דעטעקטיווס פון דער וועלט פלעגען זיין אבסאלוט הילפלאז.

„דער פראנצויזישער פראנט טהעאטער"

סאלדאטען ווילען מען זאל זיי שפיעלען לוסטיגע קאמעדיעס.

פון נ. פראנק

פאריז : —

עס איז פארגעקומען די אפיציעלע חנוכת - הבית פון „פראנט - טהעאטער". דער „פראנט - טהעאטער" איז א בורע פון וואגאנען איינגעריכטעט מיט אלע טהעאטער נויטווענדיגקייטען וואס וועט ארומפאהרען פון לאגער צו לאגער און געבען פערשטעלונגען פאר די סאלדאטען וואס געפינען זיך אויף רוה.

די פראנצויזישע סאלדאטען זענען זיך אויך ביז יעצט אין גאנצען אהן טהעאטער ניט בעגאנגען. אין לאגער זיינען אויפגעשטעלט געווארען ביהנעס וואו פאריזער ארטיסטען פלעגען אראבקומען שפילען פאר'ן פראנט - פובליקום. פאר'ן [illegible] גירנסטען פאל, אז קיין פאריזער זענען ניט געווען, האבען די סאלדאטען אליין געשפיעלט פאר זייערע חברים. דארט האט מען שוין אפילו ענטדעקט נייע טאלאנטען וואס האבען פאר דער מלחמה גאר ניט געוואוסט וואס פאר א קונסט עס שטעקט אין זיי.

מן הסתם האט דער טהעאטער ניט [illegible] די קונסט־מפונקים פון דער פראנט - טהעאטער איז געבויט געווארען מיט'ן געלד פון עטליכע פינאנסיסטען — א איד בתוכם — וואס זיינען אוועק אין זייער פאטריאטיזם ביז צו דער קעשענע.

א פראנט - טהעאטער איז שוין דא. פרעגט זיך, וואס זאל מען שפיעלען פאר די סאלדאטען, דראמא אדער גאר קאמעדיע ?

ביז אהער האט מען אויספראבירט דעם העראאישען רעפערטואר. צו [illegible] די סאלדאטען און אויפרייצען זייער פאטריאטיזם, האט מען זיי ביז העער געשפילט מיט העלדען - פיעסען פון קארניי און ראסין, וואו די ריטערליכקייט און דער הערויזם ווערען ביז צום הימעל אויפגעהויבען.

דער רעפערטואר, אונטערשראכען דורך דער אקטואליטעט, האט איצט בעקומען פרישען ערפאלג אין פאריז. אזעלכע שטעלען אויף וועלכע מ'האט זיך ביז יעצט גאר ווענינ וואס ארומגעקוקט, ווערען דא אונטערגעהאלטען מיט הייסע אפפלאדיסמענטען. דער צוקוקער וואס איז געבליבען אין דער היים וויל זיך מן הסתם אזוי ארום אויסקויפען דערפאר וואס ער איז ניט אוועק אויף דער מלחמה.

אויפ'ן פראנט אין דער קלאסישער רעפערטואר ניט געפעלען.

איינע א בעריהמטע ארטיסטין, וואס פערשאפט פראנקרייך גרויס כבוד מיט איהר טאלאנט" (נאך דעם טיטול זיך זי פאר שרה בערנארד), איז געפאהרען אויפ'ן פראנט ברענגען די אויסגעהונגערטע סאלדאטען א „דעסערט" פון איהר קונסט. וואס האט זי אויסגעקליבען ? „דער דייטשער רהיין" פון אלפרעד דע מיוסע. האט איהר געטראפען א שרעקליכער אונגליק : די העלדען האבען געשוויגען און קיינער האט ניט אפלאדירט.

אראבגעהענדיג פון דער ביהנע האט זיך די ארטיסטין אנגערופען : ניין, מיין פלאץ איז ניט דא !"

די בעריהמטע ארטיסטין האט, צום [illegible] פון איהרע יאהרען נאך א טעות געהאט אין אויסוואהל פון איהר רעפערטואר. די סאלדאטען אויפ'ן פראנט האבען פערעהליכעס, נאר פרעהליכעס.

דערמאהנט זיי חלילה, ניט דאס ווארט „מלחמה". זיי וויסען דאס אהן אייך. זיי האבען פיינד אז מ'מאכט פאר זיי אויסצורעדען דעם שונא, מיט ביליגע וויצען זיי להפך, וויסען ווי איהם צו שעצען און וואו איהם אויסצולאכען. זיי קענען ניט פערטראגען אז איינער וואס האלט מלחמה מיט דער פעדער, מעג ער אפילו זיין נאציאנאל און גרויס ווי ראסין אליין, קומט און „דרעהט זיי א קאפ" מיט העלדישקייט. זיי לאכען פון די טינט - קוילען און ציהען מיט די פלייצעס.

ניט רעדט זיי פון העלדענטהאטען און ניט ערמוטהיגט זיי דורך הויכע דעקלאמאציאנען זיי ווילען די אלע שבחים צונעהמען קאלט, אויף די ברעטער שטעהען אן ארטיסט און דרייסט זיך איין פאטאס, און אין „פארטער" זיצט דאס פראנט פובליקום און געגנעצט אויפ'ן קול. אויפ'ן פראנט האלט מען ניט פון דער לעצטער מאדע ארייגצוציען אין דער האנד. וואס איז די האנד שולדיג ? דארט געניצט מען גלייך אין פנים פון דעם וואס לאנגווייליגט.

די סאלדאטען קוקען ניט אויס אויף העלדען - טראפענס. זיי זיינען העלדען ווייל זיי קענען אנדערש ניט זיין, און דאס איז אלץ, זיי פאדערען ניט קיין דאנק און האבען ניט האלד אז מען חנפה'ט זיי צופיעל. אנשטאט זיסע רעצעפטען, אנשטאט אויסגעבלאזענע נעם פייער ווילען זיי בעסער לאכען, לאכען וואס מעהר און ווינציגער. מאכט לידערים חנד'לעך געפעהלט זיי היינט בעסער ווי ראסינס פערזען, און לאכענדיג פון זיך און פון אלעמען טהוען זיי אייך אב די גרעסטע העלדענטהאטען. אין שטאדט שהעמט מען זיך אויף, פאר זיך און פאר יענעם צו זאגען, אז ראסין לאנגווייליט, ביי'ם פראנט פאלט אבער אראפ די חרפה, ווי די באדד פון פילאזאף פאוסט, און מ'דערזעהט דעם אמת'ן פרצוף פון מענשען.

עס איז אפשר ניט קיין בלויזער צופאל וואס אלע פראנט-בלעטער זענען הומאריסטיש. ניטא דארט קיין „נודער", אין „קוועטשער". "האסט א וויץ כרוך דער זאג, אז ניט, געה שרייב אין די שטאדטישע בלעטער".

פון פראנט קומען אונז אן די בעסטע וויץ בלעטער. אונטער'ן באס פון די קאנאנען האט זיך ביי זיי געעפענט א פרישער קוואל פון הומאר. נישקשה זיין ערנסט וועלען זיי ניט פערשפעטיגען שפעטער ווען דאס לעבען וועט ווערען עטוואס ווענינער ערנסט. דער בעסטער גענען־סם פאר אונזער צייט איז : פרעהליכקייט. איילען זיי זיך, די סאלדאטען צו לאכען כדי זיי זאלען זיך ניט צו וויינען . . .

דען וויינען איז דא פון וואס . . .

אלעס געהט צו הארמאניש ארום דעם ענגלישען פראנט

)::(

אן אמעריקאנער קארעספאנדענט דערצעהלט די ערפאהרונג פון זיין בעזוך. געזונקענע שיפען זענען איפגעשטאנען תחית המתים.

)::(

די ראלע וואס דער ענגלישער פלאט שפיעלט אין דער איצטיגער מלחמה, די פערשיעדענארטיגקייט פון זיין טהעטיגקייט, דער אופן אויף וועלכען די גאנצע ארבייט ווערט געטהאן ווי גרויס און קאמפליצירט יעדער צווייג פון דער טהעטיגקייט איז, ווערט איבערגעגעבען אין דער "ניו יארקער טיימס" פון אן אמעריקאנער רייזענדען אין די מלחמה געגענדען.

די שטעלען וואס קענען אנדרייטען אויף פלעצער, אדער צייט איז דעם קארעספאנדענט ניט ערלויבט געווארען איבערצוגעבען דאס איינציגע וואס איז איהם יא ערלויבט געווען צו דערצעהלען איז דאס וואס זיין בעזוך האט שטאטגעפונען באלד נאך דעם גרויסען צוזאמענשטויס פון דעם ענגלישען פלאט מיט דעם דייטשען, דאס איז געווען ארום דעם מיט חודש יוני.

דורך א ספעציעלער ערלויבניש פון דער אדמיראליטעט האט ער געהאט די מעגליכקייט צו בעזוכען דעם גאנצען ענגלישען פלאט, אבער ער האט די אנגעלעגנהייט צום מעהרסטען אויסגענוצט אויף צו זעהען דעם טהייל פון אדמיראל ביטיס סקאדראן וועלכער האט זיך געהאט נאר וואס צוריק געקעהרט פון דעם בעריהמטען צוזאמענשטויס מיט'ן דייטשען פלאט און וועלכער איז געווען אין רעכטען מיטען פייער, און וועגען וועלכען עס איז בעריכטעט געווארען דאס ער האט פערלארען די גרעסטע צאהל שיפען.

ספעציעל האט איהם פאראינטערעססירט צו זעהען דעם פלאט דערפאר ווייל ער האט געוואלט געפינען א וועג צו די ניט פערשטענדליכע און אונבעגרייפליכע בעריכטען פון ביידע צדדים. יעדער צד האט זיך בעריהמט מיט א זיג, און אפילו צווישען די מיליטערישע קרייזען איז אויך ניט מעגליך געווען צו דערגרעהען דעם סוד. דאס איינציגע וואס די האבען יא ארויסגעגעבען איז געווען דאס, אז דער צוזאממענשטויס איז געווען דאס גרעסטע, דאס שרעקליכסטע וואס מלחמות האבען ביז איצט געזעהען.

און אזוי דערצעהלט דער קארעספאנדענט איז ער ארויף אויף א טארפעדא שיף אין פ. . . און איז צוגעפאהרען ביז דעם בעריהמטען ערגעץ . . . און נאך א שטיקעל צייט איז ער צוגעקומען צום געווינשטען פלאץ, און כאטש עס איז געווען נאך וואס, נאך דער גרויסער ים שלאכט, איז נאך דעם ווי ער האט בעזוכט אלע שיפען, און אונטערזוכט די אזוי פיעל מאהל אונטערגעגאנגענע קרייצערס, האט דער מיסטעריעזער סוד, וואס האט איהם פריהער אזוי געפלאגט און אויף וועלכען ער האט קיין ענטפער ניט געקענט קריגען איהם געקלונגען אין די אויערען דער ענטפער איז "רעדי" . . . . דער גאנצער פלאט איז געווען ציכטיג, ריין שעהן אלעס איבערגעפוצט, די "וואונדען" וואס מאנכע שיפען האבען געקראגען זיינען שנעל פון ספעציאליסטען "דאקטוירים" פערבאנדאזשירט געווארען און האבען זיך שנעל פערהיילט ווי א וואונד ביי א יונג קינד.

דער קארעספאנדענט רעכענט אויס א גאנצע רייהע שיפען וואס האבען איבערגעלעבט תחית המתים, איינע פון די [illegible] איז די "ווארספייט", וועלכע האט אין זיך ארייגגענומען צום מעהרסטען קוילען פון דעם גאנצען פלאט. זי איז געווען דאס ציעל ברעט פאר דעם גאנצען דייטשען פלאט ווייל זי איז דאס שנעלסטע וואס איז בעשאפען געווארען אויפ'ן געביעט פון קריגעס שיפען. און נאך דעם ווי דער דייטשער פלאט איז אנטלאפען, איז זי געפאהרען אהיים מיט א שנעליגקייט פון איין און צוואנציג "נאטס" א שטונדע.

מיט דער ניקאטור האט פאסירט א זעלטענער פאל, אין דער צייט ווען זי איז געלאפען אטאקירען א דייטשען קרייצער איז זי אויף א קונציגען אופן אריינגעכאפט געווארען אין מיטען פון דייטשען פלאט, זי האט אפילו ניט געפראוואט אנטלויפען, נאר זי איז געשטאנען און מען [illegible] אונטער א שרעקליכען פייער ביז איהר איז געלונגען [illegible] איהרע טארפעדאס און זי איז ארויס ניט בעשעדיגט.

[illegible]

און אזוי [illegible] נאך א גאנצע רייהע גרויסע קריגעס שיפען וועלכע די דייטשען האבען [illegible] אלס געזונקענע.

איינינע פון זיי זיינען די פרינצעס ראיאל, די בירמינגהאם, די ליאן, די טייגער און זא ווייטער.

[illegible]

א חלום מיט א מאראל

פון מארק טווין.

איך האב געהאט א מאדנעם חלום. [illegible] אז איך זיץ ערגעץ [illegible] צוועלף־איינס [illegible] שטארק פער־ [illegible] איז געווען מחיה'־ [illegible] קיין מענשליכע [illegible] געזעהן און ניט [illegible] פלעגט זיך הערען [illegible] ערגעץ גאנץ ווייט [illegible] ענטפערט פון אן [illegible] מיט אמאהל [illegible] א גערויש, אזוי [illegible] איינע אן די אנדע־ [illegible] דערזעהן פאר זיך [illegible] וועלכען פערפויל־ [illegible] האבען אראפגעהאנ־ [illegible] אויף זיין פלייצע [illegible] און עפעס א פע־ [illegible] איהם קומט [illegible] האט געטראגען [illegible] אויפ'ן פלייצע [illegible] אונטער'ן ארם. [illegible] וועלכער האט גע־ [illegible] מצבה אויפ'ן רוקען [illegible] זיך אויף א [illegible] טרונע. דער דאזי־ [illegible] גוט אנגעקוקט און

[illegible] זיין העלפען [illegible] פון מיין רו

[illegible] די מצבה פון [illegible] איבער [illegible], מאי 1893' [illegible] נעבען מיר [illegible] שטערען מיט [illegible] שטיקעל ארבעל. [illegible] — האט ער [illegible]

[illegible] וואלט איך בעסער [illegible]

[illegible]? פאר וואס איי[illegible]

[illegible] מיינע צופוילטע [illegible] טרונע צופליקט, [illegible] א מענש זעהט [illegible] ווערט רואי־ [illegible]: "פארוואס [illegible] האב איך [illegible] אז א מענש אין [illegible] ניט וועגען אזעל[illegible]

[illegible] אבער יא! מיין [illegible]; מיין בעקוועמ[illegible] איך וועל אייך [illegible], וועט איהר [illegible]

[illegible] דארט אויף יע[illegible] פון דאנען— [illegible] דאס שטריקעל און [illegible] איך פיהל, אז ער [illegible]; — שטעלט זיך [illegible] ווי ער פערליערט [illegible], — איך האלט [illegible] די לעצטע דרייסיג [illegible] איך געווען גאנץ [illegible] עק, איין מאהל [illegible] מיט אלע [illegible] צווייפעל מורא; [illegible], הערענדיג [illegible] נאך לא[illegible] זאג איך [illegible] ניט פארשטע[illegible] היינט [illegible] טעם דערפון.

[illegible] יאהר צוריק [illegible] אוועקגעלעגט א [illegible] דאס נאך געווען [illegible], שטעקע[illegible] האט זיך געש[illegible] די וועוויארקעס [illegible] אונזערע קבדים, [illegible] אנגעפיהלט די [illegible] מיט זיסע טרעלען [illegible] געווען צעהן יאהר [illegible], די נאכבאר[illegible] פיינע, מיינע [illegible] שעהנסטע פאמי[illegible] זיינען געווען אין [illegible] דער פארקאן אבגעקאלכט, די גראז ארומגעשארען. דאס איז אבער אלץ א מאהל געווען.

איך וואלגער זיך יעצט אין א פערנאכלעסיגטער גרוב און ווערים האבען אין מיר געמאכט זייער קווארטיר, איך און מיינע שכנים, וואס ליעגען נעבען מיר. האבען אויפגעבויט די שטאדט און איהר רייך געמאכט, און אונזערע אייניקלאך האבען אונז אפילו אין זייער לינקע פיאטע אויך ניט. די מצבות אונזערע שטעהען אויסגעקרימט. דער פארקאן צודרעהט און צובראכען: הינד און קעץ לויפען אריבער אונזערע קעפ. וואלט כאטש דער בית עולם געווען — אויסען שטאדט, אין וואלד! די שטאדט האט זיך אבער צושפרייט מיט איהר "ריעל עסטייט" און האט זיך ארויפגערוקט אזש אויף אונזערע דירות; און מיר קענען זיך אפילו ניט בעהאלטען צווישען דיא בוימער. עס ווערט א געלאף א שפרינגערי, איהר קענט טרעפען א פופצעהן זיך בעהאלטענדיג אונטער איין בוים. מיר האלטען זיך איינע אן די אנדערע און דער ווינד פייפט דורך אונזערע ריפען. איהר קענט אונז א מאהל טרעפען אין א בעגינען ווען מיר הענגען אונזערע תכריכים אויפ'ן פארקאן אויסטריקענען. וואס ווייסט איהר וואס ביי אונז טהוט זיך אב! לאנג צוריק האט מען מיר פון פארקען אראבגע'גנב'ט מיינע נאך גאר גוטע תכריכים. איך האב א חשד אויף א געוויסען עסהאריע מיט'ן נאמען סמיטה. ווארום ווען איך האב איהם געזעהן פאר'ן רעגען האט ער אין גאנצען געטראגען א בענדעל אויפ'ן האלז, דאס איבריגע אבגעפוילט; און דערנאך אז איך האב איהם געטראפען אויף א הוליאנקע אין א דערבייאיקען שטעדטעל לכבוד א נייעם בית עולם — איז דאס געווען אן עמת'ער "ספארט". און ער האט זיך טאקע באלד אבגעטראגען ווי ער האט דערזעהן דא ניט לאנג האט מען ביי אן אלטער פרוי צוגע־גנב'עט די טרונע. זי פלעגט די טרונע אבהיטען ווי דעם לעבען און פלעגט זי מיטנעהמען, וואו זי איז געגאנגען; זי האט שטארק מורא געהאט זי זאל ניט קריגען נאך אמאל רומאטיזם פון וואס זי איז געשטארבען. אפשר קענט איהר זי, אנא מאטילדא פאטקינס הייסט זי. זי האט נאך צוויי אויבערשטע ציין און אביסעל האאר נעבען לינקען אויער — אפשר קענט איהר זיי..

— זאל גאט אויסהיטען..... איך מיין, איך האב ניט די עהרע צו קענען אייער פריינדין — יא איהר זאגט, אז מען האט אייך בעגנב'עט? ס'איז אבער קענטיג נאך די שטיקלאך אז די תכריכים אייערע זיינען א מאהל געווען פון דעם בעסטען סארט — ווי אזוי זשע?...

מיין פריינד'ס "פנים", האט זיך שטארק אויסגעקרימט. די ביינער האבען זיך גריהרט פון זייערע ערטער. איך האב זיך אוועקגערוקט פון איהם. ער האט אבער מיך באלד בערוהיגט אז דאס איז געווען אזא ביטערער שמייכעל, וואס האט געמיינט צו בעווייזען אז ער איז ניט קיין יאלד. מען האט צוגע־גנב'עט זיינע האט ער געוואוסט וואס ער האט צו טהאן.

— יא, מיין פריינד, אלץ וואס איך דערצעהל אייך איז אמת, פאקטען לויטער פאקטען. עס איז ניטא ביי אונז קיין איינציגע טרונע. איך רעד דא ניט פון דיא קבצנים וואס קומען דא מיט טרונעס פון פראסטע ברעטלאך. איך רייד פון די וואס מען ברענגט צו אונז אין זילבער בעפוצטע טרונעס אונטער שווארצען טהייערען זייד מיט "קערידזשעס" און טהייערע פערד. איך מיין אזעלכע, ווי די ווילסאנס, די גארדאנס דיעזע זיינען אויך אין גאנצען רואינירט, זיי זיינען א מאהל געווען די פיינסטע בעלי בתים אונזערע, וואס פאר א פנים האבען זיי היינט?! איינער פון די ווילסאנס וואס ניט לאנג צוריק אויסגעביטען מיט א "בארטענדער" זיין טייערע מצבת אויף עפעס א שטיקעל ברעטעל צו לעגען צו קאפען. דיעזער פאקט דערצעהלט מעהר ווי גאנצע פאליצע ביכער, ווארום איהר דארפט וויסען אז מיט אז מיט קיין זאך איז א ברמנן ניט אז. שטאלץ, ווי מיט זיין מצבה, מיט דער צייט הויבט ער אליין אן גלויבען, אז אלץ וואס איז אויפגעשריעבען אויף זיין מצבה איז אמת. ביי נאכט קענט איהר טרעפען פיעלע פון אונזערע זיצענדיג אויפ'ן פארקאן און לעזענדיג מיט גרויס נחת די אויפשריפטען אויף זייערע מצבות. ווארט ווער קומט דא אן! יע דאס זיינען די ווילסאנס. העללאו היגינס! אדיע, אלטער פריינד! דאס איז דער אלטער מערעדיט היגינס, א פרעהליכער יונג, א ברען! ווען ער לאכט קלינגט עס אזוי, ווי מען רייבט צוויי שטיינער איינע די אנדערע. העללא, דזשאנס! דאס איז קאלאמבוס דזשאנס! זיינע תכריכים האבען אבגעקאסט ביז אריבער פיער הונדערט דאלאר — די גאנצע גאהדערהאבע צוזאמען מיט די מצבה. קנאפע זיבען און צוואנציג הונדערטער. פון צעהנדליגע מיילען ארום זיינען טויטע געקומען אנקוקען זיין אויסשטייער. דער מאן וואס איז געלעגען נעבען מיר, געדענקט עס נאך. אזוי ווי היינט וואלט עס געווען זעהט איהר דארט יענעם מיט'ן ברעטעל אין האנד, איין פוס ביז'ן קני אבגעפוילט און נאקעט, ווי די מאמע האט איהם געהאט? דאס איז בארטאן ווילקאקס, זיין גארדעראבע האט זיך גערעכענט די צווייטע נאך דזשאנס, ער אנטלויפט, אויך מיר אלע אנטלויפען. מיר זעהען, אז דער סוף אונזערע וועט זיין א זעהר ניט פרעהליכער. זיי "פיקסען" אלע ווייטלע זייערע נאסען און וואס ביי אונז טהוט זיך, ווילען זיי גאר ניט וויסען, אט די דאזיגע טרונע מיינע איז אמאהל געווען א בריליאנטענע שטיקעל "פארניטשור", האט זיך אסור געדארפט שעהמען צו שטעהן אין רייכסטען פאלאץ, איז טויג זי פאר מיר ניט, ווארום איך קען איהר ניט פיקסען.

צוויי שעה האט זיך געצויגען די פראצעסיאן, יעדער מיט זיין צופוילטען ביסעל אייגענטהום מיט זיך... ביי יעדען בית עולם האבען זיך אבגעשטעלט און נאכגעפרעגט, ווי די לעבעדיגע בעהאנדלען די טויטע.

א האן האט ערגעץ זיך אויסגעקרעהט, און די צופוילטע קאמפאניע איז פערשוואונדען, ניט איבערלאזענדיג הינטער זיך א פארים אדער א ביינדעל. איך האב זיך אויפגעכאפט, מיין קאפ איז ארויסגעהאנגען פון בעט, אין אזא צושטאנד זעהט מען חלומות מיט מאראל און זיי, אבער אהן פאעזיע.

אייגענע און גענאשטע

מזל'דיג.

אין אירישע פרוי: איך זעה איהר האט א פערדישע פאדקאווע אויפ'ן טהיר. גלויבט איהר אז דאס איז מזל'דיג?

צווייטע אירישע פרוי: שור דאס איז מזל'דיג. דיעזע פאדקאווע איז פון דעם פערד וואס האט געמאכט מיין מאן א לאך אין קאפ. ער איז געשטארבען און איך האב פאר איהם גענומען טויזענד דאלאר אינשורענס.

צופריעדען.

ער: וואס וואלסטו געטהאן, סערעה, אויב איך וואלט אבגעלאזען דעם שידוך?

זי: איך וואלט דיך דאן ערשט צעהן מאל מעהר ליעב געקראגען.

זיין פרייד.

איינער: דו זעהסט עפעס היינט אויס זעהר פרעהליך, דאס פרעהסטו זיך אלץ פון דעם וואס ביי דיר איז געבוירען א קינד?

צווייטער: ניין, מיין שוויגער איז געשטארבען.

האבען אויסגעגראבען דעם פלאץ פון פרעה מלך מצרים

ענדליך איז די וויסענשאפטס מענער געלונגען אויסצוגראבען דעם פאלאץ וואו עס האט געוואוינט פרעה דער מלך פון מצרים וועלכער האט געהערשט איבער די אידען און האט זיי פערביטערט זייער לעבען מיט זיין עבודת פרך.

מען האט זאגאר אין דעם פאלאץ ענטדעקט נאך דעם צימער וואו עס האט זיך געפונען פרעה'ס טראהן. דאס איז דער זעלבער צימער וואו דעם קעניגס מכשפים האבען זיך שטענדיג געפונען און אין דיעזען צימער פלעגט אויך פרעה אויפנעהמען משה מיט אהרן'ען ווען זיי פלעגען צו איהם קומען בעטען פאר דער בעפרייאונג פון זייער פאלק.

אין דעם קליוולענדער "פליין פיילער" איז אבגעדרוקט א זעהר אינטערעסאנטער ארטיקעל וועגען דיעזער נייעסטער ענטדעקונג וואס איז געמאכט געווארען אין עגיפטען דורך אן עקספעדיציע וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארען פון דער פענסילוויינא יוניווערסיטי אונטער דער לייטונג פון פראפעסאר קלארענס ס. פישער.

ווען זייער ערשטע טעלעגראמע איז אנגעקומען נאך אמעריקא אין דעם מאנאט מאי האבען זיי געלאזט וויסען וועגען זייער ענטדעקונג און האבען געמעלדעט אז זיי זיינען שטארק בעשעפטיגט מיט אבראמען די חורבות וואס האבען זיך פאר טויזענדער יאהרען צוזאמענגעקליבען ארום דעם פאלאץ וואס געפינט זיך אין מעמפיס, די געוועזענע קרוין שטאדט פון עגיפטען.

אין זייער צווייטער ידיעה וועלכע איז אהער אנגעקומען אין מאנאט דזשון, האבען זיי שוין געמעלדען דאס זיי האלטען אין אויסרייניגען א טהייל פון די אינווענינגסטע צימערען. די צימערען אויף וועלכע זיי האבען זיך צוערשט אנגעטראפען האבען זיי איינפאך איבעראשט מיט די וואונדערבארע מאהלעריי און פראכטפאלע רעקאראציאנען וואס זיי האבען דארטען געפונען..

ווי עס איז פון דער געשיכטע בעוואוסט זיינען אלע קעניגע פון מצרים געווען זעהר גרויסע ליעבהאבער פון קונסט, און בעזאנדערס שטארק האט זיך אויסגעצייכענט אין דיעזער אייגענשאפט פרעה דער צווייטער, דער קעניג וואס האט געהערשט איבער די אידען. די יעצטיגע וואונדערבארע ענטדעקונגען בעשטעטיגען די בעהויפטונגען פון דער געשיכטע.

לויט ווי די עקספעדיציע ערקלעהרט האט ארום דיעזען אויסגעגראבענעם פאלאץ געמוזט אמאהל האבען אויסגעבראכען א גרויסער פייער, פון וועלכען פיעלע אויסערליכע געביידעס ארום דעם פאלאץ זיינען פערניכטעט געווארען און דאמיט ערקלעהרען זיי די גרויסע בערג פון חורבות וואס זיי האבען דארטען געפונען. לויט די צאהל פון די גריכישע וואזעס, וואס מען האט דארטען געפונען דענקט מען אז דער פייער האט געמוזט זיין ארום 7 הונדערט יאהר בעפאר דעם געבורט פון קריסטוס, דאס איז א חשבון פון איבער טויזענד יאהר. עס איז שווער צו בעשטימען צו דער ענטדעקטער פאלאץ איז פון פרעה דעם צווייטען אליין געבויט געווארען, אבער זיכער איז אז ער האט דארטען געוואוהנט און איז געווען דער לעצטער וואס האט פערנומען דיעזע אלע צימערען אריינרעכענענדיג דעם צימער וואו עס געפינט זיך דער קעניגליכער טראהן, און דיעזע בעהויפטונג האט א וויכטיגע בעדייטונג צוליעב דעם ווייל וועהרענד עס זיינען פיעלע אויסגראבונגען אין עגיפטען געמאכט געווארען און פיעלע היסטארישע טעמפעלס זיינען ענטדעקט געווארען, האט מען אבער נאך ביז איצט ניט געפונען קיין איינציגען סמן וואס זאל עטוואס דערצעהלען פאר דער וועלט וועגען די קעניגליכע הייזער פון מצרים.

דיעזע ענטדעקונג איז דארום די ערשטע און וויכטיגסטע, ווייל זי איז געמאכט געווארען אין מעמפיס די הויפטיגסטע שטאדט פון עגיפטען אין וועלכער עס האבען געוואוהנט אלע איהרע גרויסע קעניגע ביז פרעה דעם צווייטען.

דר. פישער האט אויסגעפונען אז דיעזער פאלאץ האט געהאלטען ארום 180 פוס די לענג און א הונדערט פוס דיא ברייט. עס האבען זיך דארטען געפונען 20 צימערען, וועלכע זיינען אלע געווען פון איין מאס. דער טראהן צימער איז פיעל מעהר און שעהנער רעקארירט וויא די אלע אנדערע צימערען. אין דיעזען צימער געפינען זיך זעקס גרויסע שטיינערנע קאלומנס וועלכע דערגרייכען ביז צו דער סטעליע; אין קארידאר ביים סאמע אריינגאנג שטעהען אנדערע 12 מעכטיגע זיילען וועלכע זיינען אויסערגעוועהנליך שעהן און וואונדערבאר אויסגעשניצט.

אין דער איבעריגער טהייל פון דער געביידע זעהען זיך אן נאך פיעלע הויכע שטיינערנע זיילען, אבער דיעזע זיינען נאך פארלויפיג ניט גענוג אבגעקליגט געווארען פון די חורבות וואס זיינען ארום זיי פערשאטען געווארען.

דער צימער וואו פרעה'ס טראהן האט זיך געפונען דענקט מען האט געהאלטען ארום 60 פוס די לענג און 40 פוס דיא ברייט. דער סילינג איז געווען אויסגעמאהלען מיט קינסטלערישע צייכנונגען, איניגע פון וועלכע מען קען נאך יעצט גוט דערקענען, די איבעריגע טהיילען פון צימער צייגען אויך סמנים פון טהייערער און גענאלער ארכיטעקטור. אויף דיא טיהרען געפינען זיך נאך אייניגע שלעסער די הענטלאך פון וועלכע זיינען אויסגעגאסען פון ריין גאלד, און וואס האבען זאגאר אין פערלויף פון די טויזענדער יאהרען ניט פערלוירען זייער אויסערליכען גלאנץ. דארטען וואו דער טראהן האט זיך געפונען זיינען נאך פערבליבען די ברייטע און לאנגע טרעפ וואו עס פלעגען שטעהען פרעה'ס אלע מיניסטארען אין דער צייט ווען זיי פלעגען זיך מיט זייער קעניג בעראטהען וועגען זעהר וויכטיגע פראגען. דאס זיינען אויך די זעלבע טרעפ אויף וועלכע משה און אהרן זיינען געשטאנען און האבען צו פרעה'ן אפעלירט אז ער זאל בעפרייען זייער ליידענדעס פאלק אין דיעזען צימער לויט די ערקלעהרונגען פון דער ביבעל, זאל אהרן האבען געוויזען זיינע וואונדער פאר פרעה'ן, ווען ער האט פאר איהר זיין שטעקען צו דער ערד געווארפען, און פון דעם שטעקען איז א שלאנג געווארען.

ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, און די רייזענדע וואס פאהרען ארום דער וועלט וועלען בעזוכען עגיפטען וועלען זיי שוין האבען די געלעגענהייט צו טרעטען מיט זייערע אייגענע פיס אין דעם זעלבען צימער וואו עס האבען געטראטען דיא פיס פון משה און אהרן ווען זיי זיינען געגאנגען בעטען בעפרייהייט פאר זייער פאלק אז דאס איז אבסאלוט דער טראהן צימער וועגען וועלכען עס ווערט גערעדט אין דער ביבעל און אז אלעס וואס מען האט דארטען געפונען שטימט פינקטליך מיט דיא אלע שילדערונגען וואס מיר געפינען אין דער ביבעל ... אין דעם איז דר. פישער צוזאמען מיט אלע מיטגליעדער פון דער עקספעדיציע אזוי גוט ווי זיכער.

אין דיעזער וויכטיגער ענטדעקונג האט מען ארויסגעבראכט נאך א וואונדערבארען פאקט וועלכער איז ביז איצט פאר דער וויסענשאפטליכער וועלט געווען כמעט ווי אונבעקאנט. מען האט אין די פערשיעדענע צימערען פון דעם פאלאץ אויסגעפונען אזעלכע ארטיקלען וועלכע זיינען ניט פערעכענט אלס אנטיקען אין אונזער צייט זאנדערען וועלכע האבען זיך שוין גערעכענט פאר זעהר און זעהר אלטע אנטיקען אין יענער צייט ווען די קעניגע האבען זיי ביי זיך אין פאלאץ אוועקגעשטעלט. פון דעם קומט מען צו צוויי וויכטיגע שליסע ערשטענס אז שוין מיט 3 טויזענד יאהר צוריק האבען מענשען זעהר פיעל אבגעשאצט אלטע זאכען און אז די אבשאצונג איז אזוי גרויס געווען אז מען האט זיי אוועקגעשטעלט אזש ביים קעניג אליין, און צווייטענס און דאס איז נאך פיעל וויכטיגער, אז עגיפטען האט געמוזט דורכגעהן א שטופע פון קולטורעלער ענטוויקלונג וועלכע איז שוין פיעל עלטער פון אונזער געשריבענער קלטור געשיכטע פון די פעלקער, און אז דער קולטורעלער צושטאנד פון מצרים וועלכער איז אונז בעקאנט דורך דער געשיכטע איז ניט מעהר ווי אן ענטוויקלונגס פארמע פון אן אור אלטער און לאנג אבגעשטארבענער קולטור עפאכע פון וועלכע עס זיינען בלויז סמנים פערבליבען.

דער צימער וואו עס געפינען זיך דיעזע אנטיקען פון אור אלטערטהום איז אזוי יעשמאקפאל אויסגעשטאטעט ווי אין [illegible] וויעדער צייגט א פרעה האט געפונען גרויס אינטערעסע אין זאמלען פיעל אלטווארג, א זאך וואס מען האט ביז יעצט ניט געוואוסט וועגען די קעניגע פון עגיפטען.

אין אלגעמיין האט די עקספעדיציע דורך דיעזער וויכטיגער ענטדעקונג. און מיט דער הילף פון די פיעלע אויפשריפטען וואס זיי האבען דארטען געפונען צו בעקאנען די וועלט מיט א נייער שטיק מענשליכער געשיכטע. זיי זיינען אויך זיכער אז דיעזע אויסגראבונגען וועלען ארויסברענגען פיעל זעהר אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דעם לעבען פון די אידען אין מצרים ווי אויך וועגען דער עפאכע פון זייער בעפרייאונג.

שאך אלס א אידישע נאציאנאלע שפיעל

יעדעס פאלק האט זיך זיין בעליעבסטעס שפיעל, וועלכעס ווערט בעטראכט אלס א טהייל פון זיין נאציאנאלען לעבען, זא האבען פערשיעדענע פעלקער זייערע אטלעטישע, ספארטסמענישע און געזעלשאפטליכע שפיעלען, אין וועלכע עס דריקען זיך אויס זייערע פערשיעדענע כאראקטערע: אידען, אלס א זעלבסטשטענדיגעס פאלק. האבען אמאהל אויך געהאט זייערע שפיעלען און וועלכע עס האט זיך אבגעשפיגעלט זייערע פרייע לעבען פון ערד ארבייטער נאהענט צו דער נאטור.

דער איד פון היינט פון שטענדיג אן געווען אן עם נבון, וואס האט זיך ליעב צו פערטיעפען אין א געשמאקען פלפול. א דרש, אזעלכעס וואס זאל שארפען זיין מוח: ער האט שטאדק הנאה פון א קונציגען ענטפער אויף א פערדרייטע מאטעמאטישע פראגע און עס פארשאפט איהם גרויס פערגעניגען ווען איהם אליין געלינגט דעם ענטפער צו געפינען, פאר דעם אידענס מארך איז גייסטליכע איבונג דאס זעלבע וואס גימנאסטיק אדער קערפערליכע איבונג איז פאר די אומות העולם, ווייל זיין עקזיסטענץ היינגט מעהר אב פון זיינע גוטע פעהיגקייטען אדער פון זיין פיזישער קראפט.

זינד דער איד איז געווארען א יושב אהלים, אן איינוואוינער פון שטעדט און שטעדליך. האט ער געמוזט זיין לייזיגע צייט פערברייגנען אין אזעלכע שפיעלען וועלכע פאסען זיך אם בעסטען צו די אומשטענדען און וועלכע ער לעבט און אין וועלכע עס פאדערט זיך מעהר גייסטליכע ווי פיזישע קראפט.

דאס אלטע בעקאנטע שפיעל "ציגען וואלף" האט געדינט אלס צייט פערטרייב פאר אונזערע אמאליגע בחורים. דאס קעס אדער ווי עס הייסט אין אמעריקא "טשעקערס" פלעגט זיין כמעט א מנהג צו שפיעלען חנוכה אין אידישע הייזער. קארטען ווערט געשפיעלט איבעראל וואו עס געפינען זיך נאך אידען. אבער פון די אויסגערעכענטע שפיעלען זיינען קיין איינס ניט ווערטה צו בעטראכט צו ווערע אלס אידישע נאציאנאלע שפיעלען. ציגענוואלף איז בלויז א קינדערשע שפיעל, דאמקעס איז צו אבערפלעכליך פאר'ן אידישען קאפ, און קארטען איז געוועהנליך גאר קיין שכל'דיגע שפיעל.

קארטען איז בלויז א שפיעל פון גליק און ספעקולאציאן. די אורזאכע פארוואס אידען שפיעלען אזוי פיעל קארטען איז ווייל קארטען איז א "ביזנעס" שפיעל אבער דארט שפיעלט ניט די ראלע די "גיים" גופא ווי דאס געלד וואס ווערט געוואונען אדער פערשפיעלט. אין חכמה ואין תבונה כנגד שלעכטע קארטען זאגט דאס בעקאנטע גלייכווערטעל, — א איד גלייכט אבער אזא שפיעל וואס זאל יא פאדערען חכמה, און וועלכער זאל זיך קענען פערטיעפען און ארויסצייגען זיינע שאהפזיניגע איינפעללע. און דאס איז דאס שאך שפיעל, וועלכעס איז שוין פון הונדערטע יאהרען בעקאנט אלס דאס העכסטע ענטוויקעלטע שפיעל פאר דעם גייסטליכען צייטפערטרייב: און עס איז דארום קיין וואונדער וואס שאך, מיט זיינע אונענדליכע קאמבינאציאנען, שפיציגע איינפעללע, קונציגע פראבלעמען, איז געווארען דאס בעליעבטעסטע שפיעל צווישען אידען!

נאך אין די פינסטערע צייטען ווען אידען זיינען געווען פערשפארט אין זייערע אבגעזונדערטע געטהאס האבען זיי פערבראכט זייערע פרייע שטונדען ביים שאך ברייט: געוועהנליך זיינען עס געווען די בעלי תורה. וועלכע האבען דאן געקענט פערשטעהן די קונסט, עס איז בעוואוסט אז דער גרויסער גאון אבן עזרא איז געווען א פיינער שאך שפיעלער. ער האט איבערגעלאזען א העברעאישעס ווערק אין גראמען וועלכעס בעשרייבט דעם גאנצען גאנג פון א שאך פארשער, עס זיינען דא פיעלע לעגענדען וועגען אידישע שפילער אין דייטשלאנד און פוילען וואס זיינען מקורבים אין די הויפען פון גראפען און בארענען נאר צוליעב זייער זעלטענער פעהיגקייט אין שאך שפיעל.

דאס ביכעל אין לשון הקודש וואס הייסט "שחוק השאך" פון זאסניצעה, וועלכעס איז געדרוקט געווארען מיט יאהרען צוריק נאך אין דער צייט ווען זעהר ווייניג ספרים חצונים זיינען ערשינען אין דער הייליגער שפראך, איז דער בעסטער בעוויז ווי ווייט שאך איז געווען פאפולער צווישען אידען שוין פון לאנג. אט פון דעם ביכעל האבען פיעלע געשעפט זייערע ידיעות און דער שאך קונסט, און פיעלע יעצטיגע בעריהמטע שאך־שפיעלער האבען וואהרשיינליך געלערענט די ערשטע רעגעלען פון דערזעלבער קוועלע, ווייל עס איז זיינען געוועזענע ישיבה בחורים.

אין יעצטיגער צייט ווערט שאך געשפיעלט פון אלע קלאסען אידען אין אלע לענדער פון דער וועלט. און די גרעסטע גאונים אין דיעזער קונסט זיינען מייסטענס אידען, אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, אויך אין אמעריקא ווען איהר לעזט זייען בעריהמטע שאך שפיעלער בעמערקט איהר דאס רוב אידישע נעמען, און מען קען דאס ניט פעררעכענען פאר א בלינדען צופאל, וואס די אויסגעצייכענטע שפיעלער זייען גראדע אידען. ניין! דאס איז א נאטירליכע נאטווענדיגקייט! אידען האבען געמוזט זיך אויסצייכענען אויף דעם געביעט ווייל דאס שאך שפיעל איז אם בעסטען צוגעפאסט צו דעם אידענס פעהיגקייטען און צו זיין ארט לעבען. דאס איז א רעזולטאט פון א היסטארישע ענטוויקלונג וואס פאנגט זיך אן מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק און דערגרייכט ביז היינטיגער צייט. דאס שאך שפיעל איז דאס איינציגע שפיעל וואס קען הייסען אידיש־נאציאנאל, און מיר מעגען געוויס שטאלץ זיין, אין דעם בעוואוסטזיין אז אפילו אונזערע ליידיגע שטונדען פערברייגנען מיר אין אזא שפיעל וואס איז געווארען דערהויבען צו דער שטופע פון א וויסענשאפט.

אן אפענער בריעף צו אלע אידען פון טאראנטא

„פריינד" האבען מיר געראטהען איך זאל אויפהערען צאהלען מיינע אינשורענס צו דער מערטשענטס קעזשועלטי קאמפאניע, דורך א נס האב איך זיי ניט געפאלגט און — איך האב קיין חרטה. צוויי מאל האב איך פון דער קאמפאניע געקראגען וואס מיר האט געקומט.

איך בין איבערצייגט דאס ניט די קאמפאניע איז ניט ראיעל נאר דאס די זאגנאנטע „פריינד" הינקען אונטער אויף יושר.

אידען, מאכט זיך ניט לעכערליך. אינשורט זיך און זייט געזיכערט געגען אן אונגליק.

אויס דאנקבארקייט צו דער קא. און צום אגענט, ל. ווהייט, בין איך בערייט יעדען צו בעווייזען די ריכטיגקייט.

מיט אכטונג,

נייטהען פאלק, 167 יוראן סט.

צו דעם טאראנטאר אידישען פובליקום!

איין גוטען טשאנז אום צו בייטען האמילטאנער פראפעטי פאר טאראנטאר פראפעטי

איין 8 רום הויז 140־20 אין בארטלעט עוועניו איין גרייסען בארגין פאר 1500 איין גוטען פלאץ פאר איין רעג שאפ

פערלאנגט הייזער און סטארס צו פאררענטען. איך האב גוטע טענערס ווענדעט זיך היינט דן טאן צו

וו. וואלף

מעניג טשעמבער בילדינג רום 204
טעלעפאן אדעלייד 3138
קווין און טעראלי סטריט
52 ארטהור סטריט ברענטש אפיס.

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלערי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייבינקייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

אויב איהר ווילט שפארען געלד אין דער יעצטיגער מלחמה צייט?

שיקט אייערע אלטע קליידער
— צו —
ל. ווהייט און סאנס
270 קווין סטריט וועסט

די בעסטע אידישע קליינערס, פארבערס, פרעסערס און ריפיירערס און מיר וועלען מאכען אייערע קליידער ווי נייע.

טעלעפאנירט עדעלייד 2015

מיר רעניגען פולל דרעסעס סוטס, פרינץ אלבערטס און סילק העטס פיר חתונות און בעללער.

קרבנות אין קאנאדע

איהר קענט שיקען געלד און בריעפע נאך אייראפא אין אלע שטעדט און שטעטלאך צו אייערע פאמיליען דורך די

Williamsburg Steamship Agency, 249 Grand St.
Brooklyn, N. Y.

ווייל די געלד און בריעפע וואס איהר שיקט אין געווענצליך גאראנטירט, און עס ווערד אייך א אייגענהענדיגער רעסיט פאר די געלד אין לעטער פון אייערע פאמיליע געבראכט. שרייבט פאר אן אפליקיישאן.

TERDIMAN'S

כשר וואורסט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישטע און בעסטע מאסטעד־שט. וואורשט. פאר לאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר מאסטדזש מיט'ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 809
ארדערס דעליווערט איבעראל.

די אמעריקאן דיזיינינג סקוהל
פון 247 מיקאהל סטריט
האט געמופט
אין 251 קווין סטריט

[illegible] פלאץ און ווינשט [illegible] דאס א ספעשעל [illegible] פאר די מאנאטען יולי און אויגוסט.

נוצט אויס די געלעגענהייט און קומט זיך לערנען דעזיינינג, פאטינג, גריידינג און סקעטשינג.

די אמעריקאן דיזיינינג סקוהל 251 קווין וועסט
אפסטערס פון "אידישען זשורנאל"

דער „אידישער זשורנאל"

ה. ווײנבערג פרעזידענט און דזשענעראל מענעדזשער

די אײנציגע אידישע טעגליכע צײטונג אין'ם פראווינץ אנטעריא

קענעדיען דזשואיש פאבלישינג קאמפאני לימיטעד—ארויסגעבער

251-253 קווין סט. וועסט טעלעפאן עדעלייד 3967

סובסקריפשאן פרייז: 3,50 א יאהר אײנצעלנע קאפ. 1 סענט

דער זיעג פאר פרויען רעכט

פון עזרא

אין אטלאנטיק סיטי ווערט יעצט אבגעהאלטען די קאנווענשאן פון די אמעריקאנער פרויען ־ רעכטלערינס. ביי וועלכער עס זענען פערטראטען פיער טויזענד דעלעגאטקעס. און צו דיזער קאנווענשאן איז פרייטאג געקומען פרעזידענט ווילסאן, האלטען א רעדע.

וואס איז געוועזען זיין רעדע?

א פערשפרעכען. אז ניט נור איז ער מיט דער מיינונג פאר פרויען־רעכטע, נאר אז ער וועט אויך ארבייטען דערפאר עס צו פערווירקליכען, און פערשטעהט זיך, אז קיין אפלאדיסמענטען פון די אנוועזענדע פרויען פאר'ן פרעזידענט האבען ניט געפעהלט.

מעגליך אז אין דיזער פערשפרעכונג ליעגט פיעל טהעאטראלעס, א זאך וואס ווערט זעהר פיעל בענוצט אין די פאליטישע „קאמפיינס" אויף דער זייט ים. אבער דאס אליין, וואס אן אמעריקאנער פרעזידענט, און פרעזידענט קאנדידאט קומט צו א פרויען ־ צוזאמענפאהר, און רעדט אפענע דבורים, אז ער וועט ארבייטען פאר פרויען ־ רעכט, איז שוין אליין א גרויסער זיעג פאר דער בעוועגונג פון פרויען ־ רעכט.

א פרעזידענט אין די פעראייניגטע שטאאטען איז ניט נור אן „עקזעקוטיוו ־ אפיסער", נאר זיין מיינונג האט גרויס געוויכט צווישען אלע קרייזען פונ'ם לאנד.

און אז אלע סמנים זענען פעראהאן, אז פרויען ־ רעכט אין די פעראייניגטע שטאאטען איז ניט קיין זאך פון דער ווייטער צוקונפט נאר א פראגע פון יאהרען, צייגט די ווירקליכקייט.

שוין היינט צו טאג זענען פערהן פיעלע שטאאטען, וואו די פרויען זענען גלייכבערעכטיגט, און זיי פערנעהמען דארטען פלעצער אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען.

אין די פעראייניגטע שטאאטען געפינט זיך ניט היינט קיינער וועלכער זאל ארויסטרעטען מיט דער בעריהמטער דייטשער לאזונג אז די פרוי דארף וויסען נור פון „קינדער, קירכע, און קיך", דארטען איז עס נור א פראגע, צו פרויען ־ רעכט איז א זאך פון יעדען שטאאט בעזונדער צו האנדלען, אדער דאס געהערט צו דער פעדעראלער רעגירונג. און יעצט קומט די העכסטע פערזאן פון דער פעדעראלער רעגירונג און ערקלעהרט זיין איינשטימיגקייט מיט דעם.

דיעזער זיעג פאר פרויען ־ רעכט וועט פון אלעמען בעגריסט ווערען, און ער איז וויכטיג ניט נור פאר די פרויען פון די שטאאטען, נאר פאר די פרויען פון אלע לענדער.

אמת היינט צו טאג געפינען זיך עטליכע קליינע אייראפעאישע מדינות, וואו די פרויען זענען גלייכבערעכטיגט, דאך קענען זיי אויף דער אלגעמיינער לאגע ניט האבען אזא ווירקונג, ווי אזא גרויסע רעפובליק — די פעראייניגטע שטאאטען.

דאס וואס פרעזידענט ווילסאן האט יעצט פערשפראכען קען ניט בלייבען אהן ווירקונג, און גערעכט איז איין פרויען ־ צייטונג, ווען זי בעמערקט, איבערגעבענדיג דיעזע נייעס, אז פרויען ־ רעכט אין די שטאאטען איז א פראגע פון די קומענדע צעהן ־ יאהר.

זאל דאס פאסירען, וועט דאס אויך מוזען בעאיינפלוסען אונזער קאנאדע, וואו די געזעצען וועגען פרויען זענען מאדנע פערדרעהט, עס וועט ניט קענען בלייבען אהן ווירקונג אויף א לאנד, וואו אונפערהייראטהע פרויען האבען מעהר רעכט ווי פערהייראטהע, און אלמנות ווי די וועמענס מענער עס לעבען.

דער יעצטיגער זיעג פון פרויען ־ רעכט אין די פעראייניגטע שטאאטען איז דארום וויכטיג אויך פאר דער פרוי אין קאנאדע, ווייל קאנאדע וועט זיין די ערשטע, וואס וועט פון אזא געזעצגעבונג בעאיינפלוסט ווערען.

עס איז דאך ווייניגער ווי „תחום שבת" צווישען דיעזע לענדער.

פערגעסט ניט אייערע קרובים!

אידען פון רוסלאנד, און דעם טהייל פוילען וועלכער געפינט זיך אין רוסישע הענט.

עס קומען אן די אידישע יום טובים. ראש השנה, יום כפור און סכות. פערגעסט זשע ניט אין די יום טובים אן אייערע ליעבע און טהייערע, וועלכע געפינען זיך אויף יענער זייט ים.

איהר ווייסט גאנץ גוט וועלכע שרעקען, און אין וועלכע דחקות זיי לעבען יעצט, מען דארף עס אייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט עס אליין גאנץ גוט. אייער הארץ בלוטעט אייך אויף זיי איהר ווילט זיי געווים העלפען

טא העלפט זיי.

זייט וויסען אז יעדען סענט וועלכען איהר שיקט זיי פון דאנען איז דארט יעצט פערעכענט פאר גאלד. דער יקרות איז דארט זעהר גרויס. און וויפיעל איהר זאלט ניט שיקען איז אלץ ווייניג.

איהר מוזט אבער זעהען אז די הילפע וועלכע איהר שיקט פון דאנען זאל אנקומען אהין שנעל.

ווייל שנעלע הילפע איז דאפעלטע הילפע זעהט אז דאס געלד וועלכע איהר שיקט פון דאנען זאל זיי אנקומען וואס שנעלער און זאל זיי מחיה זיין אין צייט.

מר. ה. ווײנבערג פרעזידענט פון אידישען זשורנאל האט ארנזשירט מיט א גרויסער טעלעגראף קאמפאני דורך וועלכער אלע טאראנטאר איהען קענען פאר א גאנץ קליינער סוממע שיקען געלד דורך טעלעגראף, און די געלד וועלען דארטען זיין אין עטליכע טעג.

פערזאמט ניט די געלעגענהייט, אייערע קרובים נויטיגען זיך אין דעם. קומט אריין אין אפיס און בעראטה זיך וועגען דעם מיט מר. ווײנבערג'ן.

שיקט באלד ארויס אייער געלד און עס וועט נאך זיין אויף יום טוב ביי אייערע קרובים.

עס וועט אייך ניט קאסטען פיעל טהייערער ווי דורך פאסט.

שיקט געלד דורך מר. ה. ווײנבערג טעלעגראפיש.

נעהט וואו אלע נעהן

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

לובינסקים די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואלען מיללס

פאר וואר ניט איר. אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראאיעלע בעהאנדלונג. אונזערע פאל סארטינגס וואארעס שוין ערהאלטען.

J. LUBINSKY, Wholesale Woollens 248 Simcoe Street, Toronto

TELEPHONE MAIN 9448

מאנטאג דעם 18־טען סעפטעמבער

מאדאם ריינהארטס גרעסטע סוקסעס ראלע

— אין דער —

גרינער מאמע

רעפרעזענטירט פון מר. מאריס מענעדזשער פון ליריק טהעאטער צום גונסטען פון דעם

אידישען פאלקס פעראיין

בעזארגט זיך מיט טיקעטס

פאנאגראף רעקארד

אלערהאנד אידישע רעקארדס, ליעדער און תפילות פון די בעסטע חזנים און זינגער. אויך פאנאגראפס און וואנד זיינגערס, קענט איהר קריגען ביי די

פראנקא' אמעריקאן קלאק קא.

351 ספידאינא עוועניו

קומט און פרובירט.

שעכטער'ס

סטאר און אפיס

קארנער יארק און פארק
האמילטאן

איז ווערט צו בעזוכען. ווייל, איהר בעקומט דארטען (פאר געלד) די שעהנסטע, בעסטע און בילינסטע סחורה פון דריי גודס, מענס פורנישינגס, נוישאנס סטיישאנערים. אלע טעגליכע (אידישע) צייטונגען, זשורנאלען ביכער צום לעזען ביי דער וואך, סדורים מחזורים, טליתים. אויך זתונה לייסענס סיטיזען פייפערס, אפידייוויטס געסיינט, געזעצליכע דאקומענטען א. ז. וו. דער סטאר איז אפען יעדען טאג ביז 10 אוהר ביי נאכט. טעלעפאן 5416

לייטע וואס קומען קיין האמילטאן קענען קריגען אלע אינפארמאציאנען וואס זיי נעטיגט זיי צו וויסען. געדענקט דעם אדרעס, שעכטער קארנער יארק און פארק (איין בלאק פון סיטי האל,) האמילטאן.

James L. SHEKTER

Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers.

בעקאנטמאכונג

איך מר. מ. לאיעווסקי פלאמבער האט געמופט אין 20 דעניסאן סקווער און איך וועל אטענדען אייערע פלאמבינג ווי בעפאר רעזידענס טעלאפאן קאל. 7747 ביזנעס טעלעפאן עדלייד 880.

8104—9—13

מ. גרייזמאנס

ניו־יארק כשר דעליקאטעסען סטאר. ווורשט און לאנטש רום.
70—72 טשעסטנאט סט.
פאן ארדערס פינקטליך דעליווערט. פאן מיין 6203.

דער פיהרער פון דער אפאזיציע פערלאזט ענגלאנד

דער וויזיט האט געהאט א בעלערענדען ווערטה.

לאנדאן סעפ. 10.

מר. ג. וו. ראועל דער פיהרער פון די היגע ליבעראלען האט זיך נעכטען אומגעקעהרט פון ענגלאנד צוריק אין קענערע.

מיט א צייט צוריק איז געוועזען געמאלדען אין „זשורנאל" דאס מר. ראועל איז געפאהרען קיין ענגלאנד צו שטודירען געוויסע פראגען וועלכע די אנטעדי רעגיערונג דארף איצט פערהאנדלען און וועלכע זענען אויף פערהאנדעלט געווארען אין ענגלאנד, און די ענגלישע רעגיערונג האט געפונען די ענטפערס אויף די אלע פראגען. מר. ראועל האט געוואלט מיט זיינע אייגענע אויגען זעהען ווי אזוי די אלע פראגען ווערען דורכגעפיהרט און איז צוליעב דעם געפאהרען קיין ענגלאנד.

מר. ראועל האט ערקלעהרט איידער ער האט פערלאזען ענגלאנד, אז ער האט אלעס געזעהען וואס ער האט געוואלט און איז שטארק צופריעדען מיט דעם וואס ער האט געלערענט, ווארום דאס איז געוועזען זיין איינציגע אבזיכט פון פאהרען.

מר. ראועל האט זיך ענטזאגט פון אלע איינלאדונגען אויף צו האלטען רעדעס, ער האט ערקלעהרט אז ער איז געקומען זיך לערנען, ניט יענעם. דאס איינציגע מאהל וואס ער האט יא געהאלטען א רעדע איז געוועזען וועגען זיין בעליעבטער טעמא „פראהיבישאן".

צו אלע פאטראנייזערס

פון אוילבוימס טהעע

די אוילבוים טהעע קאמפאניע מאכט בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז אימיצער גיט ארויס א פעקעל טהעע וואס איז עהנליך צו דעם פעקעל

אוילבוים טהעע

נאר ליידער געפינט זיך אין דעם פעקעל שמאטע וואס הייסט טהעע, נאר מאנכע גראסערי לייט נוצען אויס די געלעגענהייט און קויפען יענע שמאטע טהעע זעהר ביליג און ריידען איין די קאסטימער וואס קענען ניט לעזען אז דאס איז

אוילבוים'ס טהעע

דעריבער ווערען געבעטען אלע די וואס טרינקען אוילבוים'ס טהעע אכטונג צו געבען אז מען זאל זיי ניט אבנארען.

אוילבוים'ס טהעע זאלט איהר פערלאנגען און אוילבוים'ס טהעע זאל מען אייך געבען. דער נאמען אוילבוים איז אויף יעדען פעקעל און אויך אין אלע פיער קארנערס איז אויפגעשריבען

אוילבוים'ס טהעע

וועהט נעהמט קיין אנדערע וועט איהר זיין צופריעדען. צו בעקומען אין אלע אנשטענדיגע אידישע גראסעריס, אויך ביי די אוילבוים טהעע קאמפאניע.

M. OELBAUM

15 Grange Ave. Toronto Ont
Phone College 3919

מעקלאוד וויל בייסיקלס פיר קעש

ר. דז. מעקלאוד

181 קינג סט. וו. פאן אד. 1582

אויב איהר ווייסט ניט וועגען א געוויסען געזעץ?

ווען איהר האט א קייס, וועגען רענט איינמאהנען, ווען מען בעצאהלט אייך ניט קיין ווידזשעס אדער אן אנדערען חוב.

ווען איהר דארפט אייגעם קלאגען, אדער זיך פערטהיידיגען.

ווען איהר דארפט וויסען וועגען דער געזעצליכקייט פון אייערע מארגעדזשעס.

ווען איהר ווילט וויסען וועגען א געוויסען קענעדער געזעץ, ווי וועגען ווערען א בירגער, געזעצליכע דאקומענטען א. ד. ג.

שרייבט דאן אייער פראגע קלאהר און דייטליך צום "אידישען זשורנאל", און איהר וועט בעקומען אן ענטפער דורך דער צייטונג פון א פעהיגען היגען אידישען לאיער.

עס וועט אייך גאר ניט קאסטען.

דאס טהוט דער אידישער זשורנאל פאר זיינע לעזער

שרייבט צום 'אידישען זשורנאל און אלעס וועט אייך ערקלעהרט ווערען.

אדרעסירט אלעם
אידישער זשורנאל
257 קווין וועסט

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. דזשאבלאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא [illegible]
טעלעפאן אדעלייד 3772.

מיר די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי מינסק

מאכען בעקאנט דאס אויך דיעזען יאהר איז אונז געלונגען צו בעקומען דעם בעוואוסטען

חזן קאפלאן

צו דאווענען דיעזען ימים נוראים ביי אונז מיט א גוט איינשטודירטען כאהר. מיר ברויכען ניט צו אדווערטייזען חזן קאפלאן ווייל יעדער ווער עס האט געהאט דאס פערגעניגען צו הערען חזן קאפלאן פאר די לעצטע 10 יאהר ווייס דאס צו דאווענען מיט חזן קאפלאן איז ניט נור א פערגעניגען נור מען בעט זיך אויך אויס א גוט יאהר. מיר דאווענען אין דעם גרויסען

בראדוויי האלל 450 ספדיינא עוועניו

וועלכער איז יעצט איבערגעפיקסט געווארען מיט אלע בעקוועמליכקייט, עקסטרא ווענטילייישאנס איז געמאכט געווארען זא דאס עס וועט זיין לופטיג און בעקוועם. בעזארגט אייך מיט טיקעטס פאר צו דאווענען אין קאנגרעגיישאן אנשי מינסק מיט חזן קאפלאן און מיר וועלען זיכער אויסבעטען א גליקליכען יאהר.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

דאס יאהר וועט טאראנטער אידענטהום דאווענען דיעזע

ימים נוראים

— אין —

ארפעלאוס טעמפעל

229 קאלעדזש סטריט

קיין שוהל, קיין טעמפעל, און קיין חזן קאן ניט און וועט ניט געבען דעם עולם אזעלכע זיעס תפלות ווי אין ארפעלאו'ס טעמפעל, ווייל:

דער גאנצער קווייער פעראיין פון טאראנטא

וועלכער בעשטעהט פון די בעסטע קינסטלער זינגער וועט מיטווירקען מיט דעם בעריהמטען

חזן משה איצקאוויטש

קומט צו די ערשטע סליחות שבת 23־סעפטעמבער 12 א זייגער ביינאכט שארף וועלכע וועלען אייך מיט זייער פראכט אומתיקות איבערראשען.

פרייזען פאר טיקעטס: פאר גאנץ ימים נוראים פון $1.50 ביז $3,00 סליחות פריי!

אלעס וועט זיין אויסערגעוועהנליך שעהן און בעסטע ארדנונג גאראנטירט.

עונג וגם שמחה

מיר מאכען בעקאנט דאס מיר האבען אויסגעפיקסט אונזער שוהל אין מיקאהל סט. מיט אלע וואונדער פיעל אויסבעסערונגען, און ווער עס וויל האבען איין עונג ב' זאל קומען הערען אונזער בעליעבטען

הזן מאנאוויטש מיט זיין פראכטפאלען קווייער

מיט טיקעטס מוזט איהר זיך ווי אם שנעלסטען זיך בעזארגען ניט לאנג ווארטען, ווייל עס איז ניט דא פיעל סיטס צו פערקויפען

וכל הקודם זכה

טיקעטס קענט איהר קריגען צו יעדער צייט אין שוהל ביים שמש אדער ביי מר. ריידעה 46 דיארסי סט.

פרייז פיר סינגעל טיקעט 2. 3. 5.

מיר ווינשען יעדען איינעם א כתיבה וחתימה טובה.

די קאמיטע פון מיקאל שוהל.

EATON'S COAL

The Very best, We guarantee every ton and best service, order now save 50% Phone College 1036

איטאנ'ס קויהלען

די בעסטע אין מארקעט

מיר גאראנטירען יעדען טאן ארדערט יעצט סייפט 50 פראצענט טעלעפאן קא. 1036

בארגיין בארגיין

די בעסטע ענטערסייט קוילען פיר סטאוו אונד פארניס

וועלכע בעזיצען איין שטארקע פייער ענד זענען פריי פון סטאנס ענד פון פיעל עשים פיר ארדערס וואס וועלען אריינקומען ביז דעם 20־טען סעפטעמבער

$7.75 א טאן

די וואג גאראנטירט מיט איין רעסיט פון סיטי סקייל.

די אנטעריא קאהל קאמ. 62 בעווערלי סט. טעלעפאן אדעלייד 2558

עלטערן אויפמערקזאם!

דער בעוואוסטער העברייאיש אידישער לעהרער

ז. סאקאל

מאכט בעקאנט די עלטערן, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער א בעסערע אידישע ערציהונג, דאס ער שטעלט יעצט צונויף אייניגע גרופען ־ לעסאנס, בעשטעהענד פון אבסאלוטע אנפאנגער ביז אזעלכע קינדער, וואס ווילען זיך פערפאלקאמען אין דער העברייאישער שפראך. יעדער גרופע וועט בעשטעהן פון א זעהר בעגרענצטע און געקליבענע צאהל תלמידים. ווענדעט זיך גלייך דורכ'ן טעלעפאן אויף דעם אדרעס פון חזן וולאדאווסקי: קאל. 1076 אדער פערזענליך און שריפטליך:

S. Socol 172 St. Patrick St.

זעלטענע געלעגענהייט

א 15 דזשועל ניקעל מאוומענט **גאלד וואטש** 14 קערעט

—בלויז פאר א קורצער צייט—

ספעציעל רעדוצירט כמעט האלסייל פרייז **$36.00**

KLING BROTHERS
125 Queen W.—Phone M. 2354

A.W.C.Co
TORONTO

MEET ME AT THE FIRESIDE **Strand** YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10AM TO 11PM
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢-10¢-15¢

מאנטאג דינסטאג און מיטוואך דזשעראלדזש באביען אלס

„דער פרעמדער"

די נאכפאלג פון "ווער איז שולדיג".
דער אורטהייל פון נשמות
און די סטרענגע און פאטהי וועכענטליכע פאסירונגען

מאטענייס 10 און 15 סענט. **HIPPODROME** אווענדס .10 .15 .25 סענט.

די גאנצע וואך פון מאנטאג סעפטעמבער 11־טען: הויפט אטראקשאן

וויליאם ה. טהאמפסאן
אין דער וואונדערבארער טריינגעל פיטשור
"דאס איז אין דער נאכט"
מאריס און ביסלי, קאמישע מוזיקער
קיסטאן פילם קאמעדיע
ספעציעלע פיטשור די עלעקטרישע פראדוקציע
די בלום פון קונסט
די פליהענדע קיהלערס
אפטען קינסטלער מאנער
פאקס און ווארד
אויסגעצייכנעטע קאמעדיענס
ניע, סיגעל, פראנקלין
קאמישע זינגערס
ספעציעלע אטראקשאן
ראו בוירק און זיינע בראדוויי מיידלאך

LOEW'S YONG ST. THEATRE

אונאונטערבראכענע פארשטעל.

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
אמעריאן לואיס מאיא
עטהעל וואייט סייד פרעזענטירט
העלען סמיטה און קאמפאניע
ד. נעלמאנטס

איך האב קיינע ברענטש סטארס. איך בין דער איינציגער אגענט פאר דער כשר סאסערדזש קאמפאניע פון שיקאגא, וועלכע מאנופעקטשורט דיא בעסטע ווורשטען און דעליקאטעסען.

הערים'

דעליקאטעסען סטאר

178 קווין סטריט וועסט
טעלעפאנירט אייער ארדער מיין 2464.
דיוק גראף פראפרייטאר

מר. דייוויס

פון 167 ענגעס סטריט

ווינשט בעקאנט צו מאכען. דאס איך מאך באיעס סוטס און גויערלס קויטס האלסייל און ריטייל קומט און איבערצייגט אייך

בעקאנטמאכונג

מיסטער הערים

פון 123 דעניסאן עוועניו האט געמופט אין 509 קווין סט. וועסט

ווי איך האב געעפענט א קלינינג און פרעסינג סטאר, איך פרעס קאוטס פאר קאסטימער שניידער צו יעדער צייט, מיין ארבייט איז גאראנטירט. — איך פרעס און קלין מענער און ליידים קאוטס צו מעסיגע פרייזען

קומט און איבערצייגט זיך.

הערים פראפריעטער
509 קווין וועסט.

ב. שערמאן

פלאמבער און בלעכער
527 קווין סט. וועסט
טעל. עדלייד 2055
אונזער ספעציאליטעט
רופינג [illegible]
עסטימייט פריי.

יעדער איד ווייסט

אז דאס בעסטע פלייז צו קויפען אלערהאנד

שנאפס אדער ביער

באטעלס אדער אויפ'ן קווארט איז ביי

— די —

קאלעדאניא ליקער קא. לטד.

אין 3 מיקאל סטריט

אלע פאן ארדערס פינקטליך אטענדעט ווען איהר פאנט מיין 2367, ברענגט מען אייך אלעס אין הויז אריין.

Caledonia Liquor Co. Ltd
3 McCaul St.
Phone Main 2367